# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 2 • מאָנטאג, ט"ו חשון תשפ"ז • 26סטן אקטאבער 2026 • די וואך פון פרשת וירא**

וְתוֹלִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם וְתַגִּיעֵנוּ לִמְחוֹז חֶפְצֵנוּ

פון תפילת הדרך



אין דעם נומער


**ביזנעס אויפן באס**
זאלצוואסער • פעליטאן

**יעלאוסטאון און גרענד טיטאן**
ערנסטגערעדט • איבערלעבונגען

**דער אמאליגער אידישער איסט סייד**
קאך_לעפל • היסטאריע

**די הילבערט האטעל**
פארוואס? • וויסנשאפט

**דער חסיד vs. דער פליגער**
Yentash • הומאר

**חסידים פאר בייקס**
א שמועס פון קאווע שטיבל

ארכיוו

נומער 2 • מאנטאג, ט"ו חשון תשפ"ז
26סטן אקטאבער 2026 • די וואך פון פרשת וירא

הקדמה

# אויפן וועג: דער ערשטער וועלטליכער נומער

א גוטן מאנטאג, טייערע לייענער!

דאס איז דער ערשטער וועלטליכער נומער פון „ארכיוו“, און מיר האבן אים געגעבן א טעמע וואס פאסט פאר א מאנטאג אינדערפרי: אויפן וועג. ווער פארט נישט? צו דער ארבעט, צו א שמחה, קיין קאנטרי, אדער אויף א נסיעה צו דער אנדערער זייט פון לאנד.

מיר הייבן אן מיט א פעליעטאן פון „זאלצוואסער“: א ביזנעסמאן פון אפסטעיט וואס פארט מיטן באס קיין ווילאמסבורג באשרייבט די וועלט וואס לעבט אויף די זיצן – ווער זיצט וואו, ווער דאווענט ווען, און ווער רעדט מיט וועמען. דערנאך פירט אונז „פארוואס?“ אריין אין א גאר מאדנעם האטעל: א האטעל מיט אן ענדלאזער צאל צימערן, וואס איז שוין פול, און פונדעסטוועגן געפינט מען פלאץ פאר נאך א גאסט. און דאס איז נישט קיין וויץ.

„ערנסטגערעדט“ נעמט אונז מיט אויף א נסיעה דורך יעלאוסטאון און גרענד טיטאן – גייזערס, בייסאנען, בערג מיט שניי אינמיטן זומער. „קאך_לעפל“ שפאצירט אריין אין דעם אמאליגן אידישן איסט סייד, וואו די אימיגראנטן פון מזרח־אייראפע האבן זיך באזעצט נאך דער לאנגער רייזע איבערן ים. „קווארטין“ דערציילט ווי די חזנים פון אמאל זענען געפארן פון שטעטל צו שטעטל מיט זייערע כארן, און „Yentash“ פרעגט די שווערע שאלה: וואס טוט א חסיד אויף א פליגער?

אינמיטן נומער שמועסט מען אויף קאווע שטיבל: ווען די שטאט האט אויפגעשטעלט סיטי־בייקס אין ווילאמסבורג, האבן אפאר אינגעלייט געגרינדעט „חסידים פאר בייקס“, און דער עולם האט געהאט וואס צו זאגן. דערצו: פערל פון די ארכיוון וועגן תפילת הדרך און וועגן פארן, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ (קאפערניקוס, און א מעשה מיט קעץ), און די תגובה פון דער וואך.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט]. גוטע רייזע!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| פעליעטאן | ביזנעס אויפן באס • זאלצוואסער | 3 |
| וויסנשאפט | די הילבערט האטעל • פארוואס? | 6 |
| איבערלעבונגען | יעלאוסטאון און גרענד טיטאן • ערנסטגערעדט | 10 |
| היסטאריע | דער אמאליגער אידישער איסט סייד • קאך_לעפל | 14 |
| א שמועס פון דער וואך | חסידים פאר בייקס • נולד מאוחר, שלשלת, בדחן און אנדערע | 16 |
| קולטור • מוזיק | די היסטאריע פון חזנות • קווארטין | 18 |
| הומאר | דער חסיד vs. דער פליגער • Yentash | 20 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 22 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 24 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • געפילטע פיש | 27 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 28 |

פעליעטאן

# ביזנעס אויפן באס

א ביזנעסמאן פון אפסטעיט פארט יעדן טאג מיטן באס קיין וויליאמסבורג, און באשרייבט די קליינע וועלט אויף די זיצן.

פון **זאלצוואסער** • ערשט געשריבן אויף אייוועלט

זאלצוואסער • בלאג • „ביזנעס אויפן באס“ • 23סטן אקטאבער 2012
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/3.html

א גוטן אייך מיינע טייערע קאלעגן ווי איר זעט בין איך א נייער דא אין קרעטשמע. איך בעט אייך דעריבער איר זאלט מיר לאזן וויסן צי איר האלט איך בין אויפן ריכטיגן פלאץ אדער דארף איך זיך זוכן עפעס מער ווי א שנאפס. איך בין א ביזנעס מאן וואס וואוינט אפסטעיט און קומט אויס צו פארן אסאך מיטן באס קיין ווילי אדער ב"פ פאר געשעפטן, איך פאר נישט מיט קיין קאר וויבאלד עס מאכט נישט קיין סענס מאראליש און פינאנציעל.

מאראליש: ווייל עס איז גענוג אנגעשטויסן דארט אן מיר, און אזוי ווער נאך א פארקינג זיין פארנומען פאר די כולל אינגעלייט וואס באקומען קאר'ס לשם האבן, און דארפן עס רוקן יעדן טאג.

פינאנציעל: פשוט! טוט די מעט! טאלל + גאז + עגמת נפש – א באס טיקעט =.... און איר וועט פארשטיין וואס איך מיין. אבער... ווי זאגט די וועלט, אלעס שטימט אויף פעננע און פאפיר, די שאלה איז נאר צי איז דער באס יא אן אפציע? און דאס וויל איך אייך אביסל באקענען מיט אט דעם ארטיקל. און זאגט איר מיר וואס זאל איך טון? זאל איך מיר רעכענען מיטן פאפיר? אדער מיטן קאלטן מציאות.

ויהי בימי, איך האב אנגעהויבן צו נוצן דעם באס, אויף א מער רעגולערן פארנעם, והנה איך זעץ מיר ארויף פארטאגס מיטן גאנצן אייפער איך האלט מיין טלית בייטל אין איין האנט (קען שוין קויםווארטן צו דאווענען אויפן באס... מ'זאגט ס'איז גאר געשמאק) און א קאווע אין דער צווייטער האנט, און צווישן די פינגערס שטעקט זיך ארויס א צוואנציגערל טיקעט וואס איך האב מיט שווערקייטן אראפגעריסן פון מיין נייע גלאנציגע טיקעט ביכעלע. איך קוק מיט ווייטאג ווי דער דרייווער נעמט די שיינע טיקעט און צעקנייטשט עס, עניוועי ווייל דא איי קער, איך גיי זיך זוכן א פלאץ, און כדי צו זיין זיכער אז איך בין נישט קובע מקום אויף א מקום קבוע, לייג איך מיין הוט אויף איין זיץ מיין טלית בייטל אויפן צווייטן און מיין קאווע אויף א דריטן (דארט פלאץ איך נישט צו זיצן ווייל ס'וועט זיך לכאורה אויסגיסן און א צווייטער וואס ווייסט נישט אז ס'איז יסודו בקאווע וועט זיך דארט באזעצן און קיינמאל נישט וויסן וואס האט פאסירט).

---

## ווי זאגט די וועלט, אלעס שטימט אויף פעננע און פאפיר

---

איך האלט נאך אינמיטן אנאליזירן מיינע פלעצער און קען נישט באשלוסן ווי לוינט זיך צו זיצן (זאת אומרת אויב ס'וועט זיך וועלן אין מיר) סברא לכאן, אז די רעכטע זייט איז בעסער ווייל מ'קען ארויסקוקן און גלייך אריינקוקן אין די פארבייפארנדע קאר'ס, ווי אויך איז די זון אויף דער אנדערער זייט און שיינט אין די אויגן, סברא לאידך, אז די לינקע זייט איז בעסער ווייל מ'קען דארט האבן א בעסערע סינערי ווען דער באס איז אינעם טונעל, מ'זעט גראד די ציגלנע ווענט און מ'קען זיי ציילן שטאט. אזוי קלערנדיג אהער און אהין אפוועגנדיג מיינע אפציע'ס כאפ איך א שאקל, מיין קאווע איז גראדע (נאכ)נישט אויסגעגאסן, אבער אזא שאקל אנהייב טאג לאזט א רושם.

דער באס רירט זיך היידא מ'פארט. איינע פון מיינע באסמעיט'ס וואס קען מיך נאכנישט, קוקט מיך אן פון אויבן אראפ, ער וויל מיר פרעגן זע איך צי איך וואוין אין דער נייער אדער אלטער געגנט, ער וויל וויסן ווילאנג איך וואוין שוין דא און צי איך האב קינדער, און אויב יא וויפיל? ער וויל אויך וויסן מיין פרנסה אומשטענדן, און צי איך האב אן אייגענע דירה, און אויב נישט ווער עס איז מיין לענדלארד און אויב יא צו ס'איז אויסגעצאלט, און אויב יא וויאזוי איך האב עס באוויזן און אויב נישט וואס איך פלאן צו טון און אויב ..... (לאמיך כאפן דעם אטעם) איך פארשטיי אלעס וואס ער וויל פרעגן, אבער למעשה פרעגט ער גארנישט, ער קומט נענטער און נענטער און גיט זיך א רוק נעבן מיר ווי איינער זאגט "אינגערמאן דא איז נישט באקוועם צו שטיין, עס איז מיין פלאץ" איך פארשטיי אויפן ווינק און איך הייב אויף מיינע חפצים לויף כאפן די נעקסט בעסטע סיעט און זעץ זיך אריין.

איך באמערק אן אינטערסאנטע זאך אז יעדער זיצט אויף דעם זיץ צום מיטן פון דעם באס נישט ביים פענסטער, צווי מענטשן זע איך וואס טוען עס ווייל זיי ווילן נישט נכשל ווערן מיט שמירת עינים, אבער די איבריגע זען מיר אויס ווי זיי ווילן נישט נכשל ווערן אין אומגעוואונטשענע הכנסת אורחים. איך בלעים זיי נישט, איך בין פונקט אזוי עס איז שווער פארצוזאגן ווער עס וועט זיך מיט דיר היינט אריינזעצן אין סיט, און נאכדעם דיר מאכן א שעה עגמת נפש, בעסער נישט נעמען די ריסק, און זיך מאכן ווי מ'האלט אין טיפן שלאף און אנפילן דעם זיץ ביים פענסטער מיט בעג'ס און באקסעס און א טלית בייטל, מיט קאווע, זאל יענעם פארגיין דער אפעטיט צו וועלן אריינקומען דא.

אלנספאלס, מ'פארט, מ'שאקלט און מ'איז שוין באלד אינדרויסן פון שטעטל, מ'קומט אן צום פארק ענד רייד, און ס'לויפן אידן פון אלע זייטן, מ'כאפט דעם באס און יעדער (וואס האט נאך פלאץ) זעצט זיך אראפ און מ'פאנגט אן: מ'פאנגט אן וואס? פרעגט איר! אה! איינער פאנגט אן צו זאגן פארנט! א צווייטער זיצט און פאנגט אן צו איבערקוקן אלע זיינע בלעקבערי מעסעדזשעס, (א נענטערע בליק פירט מיר צו גלייבן ער קוקט VIN נייעס) א דריטער פאנגט אן לשם יחוד, איינער פאנגט אן צו ארום גיין מיט דער פושקע, און געוועגליך די זעלבע יעדן טאג זענען דא אפאר וואס פאנגען אן צו קאמפלעינען! דאס איז נאך דאס אינטערסאנטסטע.

צום ביישפיל מיין שכן (נישט אין מיין סיט אבער גענוג נאנט איך זאל זען און הערן און זאגאר .... שפירן) זעצט זיך אראפ יעדן טאג מיט דעם זעלבן נוסח, "שוין ווייטער שפעט! איך פארשטיי דאס נישט" אויב איז נישט דא נאך איינער אין א גוטן מוט אויפן באס, גייט זיין קאמפלעינט אומגעענטפערט און ביז א האלבע מינוט האלט ער ביי קאמפלעינט נומער 2 "מיין סיט ריקט זיך נישט" די ערקאנדישן ארבעט נישט! פארוואס גיט ער סטים? וואו איז דא א סידור? פארוואס גיט מען נישט קיין תהלימלעך מיט גרעסערע ווערטער? א ברילן נומער 3 וואלט אלס געמעגט זיין אוועילעבל, ווי נישט ווי צאלן מיר טיקעט'ס וכהנה....

אויב אבער איז דא איימיצער וואס האט שוין אויך געהאט א קאווע צוויי אדער איז היינט אויפגעשטאנען סתם אזוי אויף דער רעכטער זייט, וועט זיך אנהייבן א געטועכטס, מען וועט זיך פארהערן און טענה'ן צי די קאמפלעינט איז מאסגעבנד צי נישט, על פי רוב וועט מיין שכן ענדיגן בערך אזוי "ר' איד דו ווייסט וויפיל יאר איך פאר שוין אויף דעם באס צום גוטן? איך האב געקענט זיין דיין טאטע! סאו זאג מיר נישט צו ס'איז פרי אדער שפעט!

עכ"פ דער בעל תפילה (געוויינליך א גאר באטעמטער אינגערמאן חצי עסקן און חצי עובד, מער די סארט וואס במקום שאין איש איז ער זיך משתדל, אמאל אמאל אפילו ווען עס איז יש איש) פאנגט אן צו שרייען קולות די ברכות פון צופרי, און ער טוט גוט אז ער שרייט ווייל אז נישט ווער וועט הערן אין אזא ריזיגן באס. אבער איך גיב זיך אכט נישט צו זיצן צו נאענט ווייל איך האב מורא פון די קולות. אויף אונזער באס איז דא איינער וואס ענטפערט הויך נאך און דער איבריגער עולם האט אינזין צו פטר'ן, אבער וואס קען מען רעדן, עס איז שווער צו טון אזויפיל זאכן אויף אמאל.

איר פרעגט א שטייגער וועלכע זאכן? האט איר שוין אמאל פרובירט צו טון די אלע זאכן אויף אמאל? (איר קענט אודאי די מעשה מיטן אלטן וואס האט זיך געגרויסט אז ער קען זינגען און פוצן די ציין באנאזאם....) 1. דאווענען 2. פארן 3. שאקלען. 4. קוקן פון פענסטער 5. אריין קוקן אין סידור 6. בליקן אויף טעקסט מעססעדזשעס. 7. איר דארפט נאך?

דא קומט דער שווערסטער חלק: מ'דארף אנטון דעם טלית, און דאס קען מען נישט טון זיצנדיג, (הגם איך האב שוין לאנג געקלערט צו האבן א ספעציעלע באס טלית די שאל טליתים וואס מ'טוט אן אפילו ליגנדיג, עס האט די ברכה אויסגעפרינט אויפן עטרה) און דער באס ווארפט זיך און מ'שטעלט זיך צווישן צוויי סיעט'ס און פרובירט מיט דעם פוס זיך צו האלטן גראד, און זייער אסאך מאל בשעת דער עטיפה ווען מ'איז פארפלאנטערט אינטערן טלית גיט זיך דער באס א להכעיס,דיגער שאקל און מ'טרעפט קוים דעם וועג ארויס, (א גאנצע שאלה פון נאך א ברכה: ברוך שעשה לי נס במקום הזה) פיינעלי מ'זעצט זיך אראפ מיט א רציחה, ווי איינער וואס וויל בלייבן זיצן אויף אייביג ר"ל און מ'פאנגט אן צו דרייען די רצועות, ערשט נאכדעם מאכט מען זיך באקוועם מ'עפנט דעם סידור, מ'פאררוקט די פאראהאנגען, מ'אבזערווירט די שכנים און מ'פאנגט אן צו מורמלען.

מ'האלט שוין ביי ברכו, און מ'פארט ווייטער, עס איז שוין שטילע שמו"ע מ'הערט נאר שטילע מורמלערייען, און אפאר שנארכעצער פון פארשידענע זיצן, אבער מער ווייניגער איז אלעס אן טארגעט, ביי שמו"ע איז געוויינליך ווי עס ווערט טרעפיק, און דער באס פארט און ברעיקט און פליט אויף איינמאל, סאו עס איז כמעט אוממעגליך זיך צו האלטן גראד, דאס איז א מעלה לגבי מודים און די השתחוואות, ווייל עס בוקט זיך פון זיך אליינס, אבער ביים קלאפן סלח לנו, קען עס אמאל פון א קליין קלעפעלע ווערן א זעץ צום געדענקען. ווער רעדט נאך אז דער שכן קען עס כאפן אמאל.

שוין מ'זעצט זיך אנידער (נאר די וואס דאווענען שטייענדיג, געוויינליך די נייע קומער'ס וואס שעמען זיך צו דאווענען זיצנדיג) און מ'פאנגט אן צו אויפדרייען און אפדרייען די רש"י די ר"ת און אזוי ווייטער, ביי נקדישך הייבט מען זיך אינטער נאר ביי קדוש און די איבריגע פארשטייט מען שוין אליינס. מ'האלט ביי תחנון! וואס האב יאך געזאגט? תחנון? נעע דאס געשעט נישט יעדעס יאר, עס

איז נאר ה' אייר און אמאל אמאל אין א פארכמורעטן חשון טאג, געוויינליך איז אדער דא א ברית אין שטעטל, (אסאך מאל איז עס אן ASSUMPTION) און אויב נישט איז ספירה אדער הוד שבהוד, וכו' וכו' וכו', און אז נישט וועט מען שוין טרעפן א קנאקעדיגן יארצייט.

אויב איז מאנטאג אדער דאנערשטאג פאנגט זיך אן א רודעריי ארום דעם לייענען, מאנכע פארקויפן עליות כאטש קיינער קויפט נישט, אויב איינער קויפט יא באצאלט ער נישט, און אויב ער באצאלט יא איז א שאלה פארוועם דאס געלט גייט? ר' חיים פריינד? שומרי החומות? דער גבאי? וכו'. ביי אשרי ובא לציון, איז שוין דער עולם בגילופין, די וואס גייען אראפ אין מאנהעטן פאנגען זיך אן צו יאגן, און די וואס גייען אויף וומס מאכן זיך גרייט צום שלאפן. אויסער די פאר וואס שלאפן שוין פון נאך קדושה... מ'האלט שוין ביי עלינו! מ'רופט אויס תהלים, עס פאנגט זיך געוויינליך אן א מחלוקה ווי מ'האלט, אבער דער בעל תפילה איז גובר (כל דאלים גבר) און מ'זאגט תהלים.

אין בעק פון באס שמועסט מען שוין פון די לעצטיגע נייעס אין פאליטיק'ס און די גרעסטע מבינים (זיצן געוויינליך מיט מיר אויפן באס) זאגן פאר וואס עס ווארט פארן צד שכנגד, און אנאלאזירן פארוואס זייער צד האט דאס מאל מער ווי אלע מאל געהאט א געווינס... אויך זיצן דארט ריכטיגע פאליטיקאנטן וואס ווייסן אפילו ווער עס לויפט פאר פרעזידענט מיט דעטאלן (גיי ווייס פון וואו) מער צום פראנט פון באס זיצן די מער אלטגעזעצענע וואס קוקן ארויס מיט ווינדער פון דעם זעלבן פענסטערל שוין פאר 30 יאר און זיי אבזערווירן בילדינג נאך בילדינג, איינער וויל וויסן ווער עס האט געבויט, א צווייטער וויל וויסן ווער עס האט געלאזט בויען, און דער דריטער זאגט סתם וואס ער טראכט, און אזוי ווערט א קרעמל.

דער באס דרייווער פרובירט זיך צו האלטן נוטראל, ער איז דאך דא אין ביזנעס, ער וועט זיך נישט צעקריגן מיט זיינע קאלעגן, ער מאכט זיך ווי ער הערט נישט ביז ווען ער קען זיך נישט איינהאלטן. און איך גיי אראפ פון באס..... ב"ה איך קען נאך אסאך מאריך זיין אויב מיינע קאלעגע לייענער זענען אינטערסירט. בלייבט נאר איבער צו זען.... ישר כח פאר אייער צייט

**וויסנשאפט**

# די הילבערט האטעל

א האטעל מיט אן ענדלאזער צאל צימערן איז פול. עס קומט נאך א גאסט. וואו לייגט מען אים? א משל פון דעם מאטעמאטיקער דוד הילבערט וועגן אינסוף.

פון **פארוואס?**

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „די הילבערט האטעל“ • 17טן מערץ 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8450.html

ווען דער ביזנעס-מאן דייוויד הילבערט האט געעפנט די טויערן פון זיין "ענדלאזן האטעל", האט ער זיך אליינס נישט פארגעשטעלט ווי סוקסעספול ער וועט זיין, און ווי געלונגען דאס נייע געשעפט וועט ווערן. די שמועה איבער דעם נייעם האטעל איז אריבער געלאפן מיט א ליכט-שנעלקייט פון מויל צו אויער, און אין דער ערשטער נאכט האט ער באקומען אן ענדלאזע צאל פון טוריסטן און געסט בייםשוועל פון דער טיר. עס איז נישט קלאר ווי אזוי עס איז געלונגען צו אויפנעמען אזויפיל מענטשן אין אזא קליין צייט, אבער א פאקט! דער ערשטער גאסט האט באקומען רום נומער 1, דער צווייטער האט באקומען רום נומער 2, און דער דריטער - רום נומער 3, און אזוי ווייטער... יעדער גאסט נומער x האט באקומען רום נומער x, און אזוי עד אינסוף.

נאכן פארדינען אזוי-פול געלט אין איין נאכט, האט זיך אונזער ביזנעס מאן שוין געקענט ערלויבן צו שמייכלען, אבער דעמאלס איז געשען א מורא'דיגע געשעניש, עס איז אנגעקומען נאך "איין" גאסט, אוי ווייי! וואס טוט מען? וואו לייגט מען איהם?

הילבערט האט זיך נישט געקענט ערלויבן איהם צו אהיים שיקן, ער האט געוואוסט אז ער וועט זיך אויפרעגן און איהם באשמוצן אין אלע ווינקלען, זיין פעיסבוק פעידזש וועט אנגעפילט ווערן מיט שלעכטע פידבעק, און די גאנצע מולטי-מיליאן ביזנעס, וועט אונטערגיין אין איין נאכט. איז ער אויפגעקומען מיט א ברילי'אנטענע געדאנק. מ'וועט שיקן דעם ערשטן גאס צום צווייטן רום, אבער מ'קען נישט צוזאמשטיפן צוויי געסט אין איין רום, דאן וועלן מיר שיקן דעם צווייטן גאסט צום דריטן רום. און אזוי ווייטער, יעדער גאסט נומבער x וועט גיין צו רום נומבער x+1, און וויבאלד מיר האבן דאך דא אן ענדלאזע האטעל, איז דא פלאץ פאר יעדן.

א שיינע מעשה? יא. אבער דא רעדן מיר נישט איבער א ביזנעס-מאן, נאר איבער א דייטשער מאטעמאטיקער וואס מיט זיין כח הדמיון איז ער אויפגעקומען מיט אט דעם געדאנק. ער האט טאקע געהייסן דייוויד הילבערט, געלעבט האט ער אינעם ענדע פונעם 19'טן יאר הונדערט, און ער האט געהאט א שטארקע איינפלוס אויף דער אנטוויקלונג פון מאטעמאטיק אין יענע צייטן.

דוד הילבערט

האט איר שוין אמאל געהערט איבער דעם האטעל? וואס איז אט דער האטעל? וואס סערווט מען דארטן? איז עס א פייוו סטאר האטעל? און נאך....

אלעס איבער דעם האטעל, לייענט אין דעם פאלגענדן ארטיקל, אבער קודם וועלן מיר מוזן אריבערגיין אן איבערזיכט אויף עטליכע מאטעמאטישע אינטערעסאנטע מושגים. אבער איך האף אז יעדער וועט עס קענען פארשטיין, אפילו אזעלכע וואס האבן א שוואכע ידיעה אין מאטעמאטיק.

[פארקירצט]

איך פאנג אן מיט דער ערשטער שאלה: וואס איז עס "ענדלאז"? איז קודם לאמיר זאגן וואס איז עס נישט. וויבאלד מיר קענען דעם מושג אינסוף פון חסיד'ישע אדער קבלה ספרים, אדער פון פילאסאפיע, וואס זיי רעדן בשבחו של מקום, און זיי ברענגען ארויס זיין גרויסקייט בתואר השלילה, "אינסוף", מיר קענען עס אלס א מושג פון "העכער ווי אלעס", "שטערקער ווי אלעס", וכו'. דא, לעניננו איז לאו דוקא אזוי, ווען מיר זאגן אינסוף, מיינען מיר נישט צו זאגן עפעס מער ווי דעם אז "עס האט נישט קיין ענד", און דאס מאכט איהם נאכנישט לאו דוקא שטערקער און העכער פון אנדערע, (כל זמן די אנדערע זענען אויך ענדלאז).

דער אמת איז, אז אין מאטעמאטיק איז דא א פונקטליכע דעפינאציע פאר "ענדלאז" (אינפיניט), וואס דער בארומטער מאטעמאטיקער דזשארדזש קאנטאר (געשטאמט פון אידן), דער טאטע פון די סעט טעארי, האט אהער געשטעלט, אבער לאמיר זיך יעצט באפרידיגן מיטן פשוט פארשטיין וואס מען מיינט מען דערמיט.

דער מוח האט ליב צו באטראכטן אינפיניט אלס א ריזיגע נומער ווי למשל גוגאל, אבער דער אמת איז אז עס איז נישט קיין נומער

בכלל, עס איז מער א קאנסעפט, ווען מיר האבן אינפיניטי עפלעך, וויפיל דו ווילסט נאר נעמען דערפון וועל איך נאך אלס בלייבן מיט אינפיניטי עפלעך.

אין קאווע-שטיבליש, וואלט איך עס ערקלערט, אלס דער נומער פון לייקס וואס א מעמבער קען געבן, וויבאלד די אדמיניסטרעיטערס פון קאווע-שטיבל האבן (ביזדערווייל נאך) נישט קובע געווען קיין באגרעניצונג פון וויפיל לייקס איין ניק קען געבן, קומט אויס אז דער צאל איז אינסוף (אוקעי, ס'איז נישט ממש אזוי, עס איז דאך נישטא קיין ענלאוע צאל פון תגובות).

די חכמה פון מאטעמאטיק איז צו נעמען אט דעם אינסוף - א שרעקעדיגע באשעפעניש וואס אלע גרויסע פריערדיגע חכמים האבן געציטערט עס צו צורירן - און איהם אנכאפןביים קארג, און זיך ארומשפילן מיט איהם ווי ער וואלט געווען א געהעריגע פיינט נומער, און דאס איז די שטארקייט פון מאטעמאטיק.

ווען כ'זאג אז מ'כאפט איהם אן ביים קארג, מיין איך צו זאגן, אז וויבאלד מיר קענען גארנישט טון מיט ענדלעס, מיר קענען איהם נישט דעפינירן אלס א נומער. פונדעסטוועגן האבן מאטעמאטיקער מצליח געווען צו מוכיח זיין און מפריך זיין כל מיני טענות איבער אינפיניטי, זיך ארויסדרייענדיג פון אונזער לכאורה'דיגע באגרעניצונג צו האנדלען מיט אט דעם באשעפעניש.

כדי צו ארויסברענגען ווי נוצליך דער מושג פון "אינפיניטי" קען זיין אין מאטעמאטיק, וועל איך געבן א דוגמא דערפאר, (כאטש עס פעלט אויס אביסל ידיעות אין קאלקולוס דערפאר, וועל איך עס אביסל אום-פונקטליך מאכן, כדי עס זאל זיין קלאר אויך פאר די וועלכע האבן נאך קיינמאל נישט אנגעקוקט א מאטעמאטישע בוך).

אלזא, לאמיר נעמען דעם ענין פון 1/0, דאס הייסט דער נומער איינס צוטיילן אין זערא. ווי באקאנט, קען מען נישט צוטיילן קיין שום נומער אין זערא, דאס הייסט- די פעולה איז מאטעמאטיש אומדעפינירט, אויב וועט איר עס אריינלייגן אין א קאלקולעיטער, וועט איר באקומען אן eror, אדער אויב איר וועט פראבירן שרייבן א קאמפיוטער-קאוד וואס צוטיילט א נומער אין זערא, וועט איר באקומען NaN וואס דאס מיינט: Not a Number (נישט קיין נומער).

אבער אין קאלקולוס, איז דא א וועג ווי אזוי מ'ספראוועט זיך דערמיט, און מיר זאגן אז ווען מיר צוטיילן 1 אין זערא, באקומען מיר "אינפיניטי". (כאטש עס ווערט נאך אלס נישט דעפינירט ממש אזוי אלס ∞=1/0).

ווי אזוי קומט מען צו צו אזא מאדנע מסקנא, אז איך נעם נומער 1 און איך צוטייל איהם אין 0, וועל איך באקומען "אינפיניטי"? יא.

דאס איז זייער פשוט, נאך מיר וועלן באטראכטן ווי אזוי עס גייען אלע נומערן (לאמיר אנפאנגען) פון הונדערט טויזנט ביז אראפ.

לאמיר נעמען 1 אין איהם צוטיילן אין 100,000 באקומען מיר א הונדערט-טויזנסטל, וואס דאס איז זייער א קליין נומער.

דאן לאמיר נעמען 1 אין צוטיילן אין 1000, באקומען מיר א טויזנסטל, וואס דאס איז אויך קליין, אבער נאך גרעסער ווי א הונדערט-טויזנסטל.

סא לאמיר נעמען ווידער 1 אין איהם צוטיילן אין 100, באקומען מיר א הונדערסטל, שוין אביסל א גרעסערע נומער ווי פריער.

יעצט אין 10, באקומען מיר א צענטל.

און דאן לאמיר איהם צוטיילן אין 1, באקומען מיר 1.

יעצט לאמיר איהם צוטיילן אין 1/2, וועלן מיר באקומען 2.

לאמיר איהם צוטיילן אין 1/100, באקומען מיר 100.

דאן לאמיר איהם צוטיילן אין 1/100,000 באקומען מיר 100,000.

בקיצור, עס איז גענוג אויף צו ווערן קאנווינסד אז, וואס מער מיר וועלן אראפגיין נענטער צו 0, וועלן מיר באקומען א "גרעסערע" נומער. אזש עס זעט אויס ווען ער קומט אן צו 0, ווערט ער "ענדלעס".

אז מיר ווייסן שוין וואס אינפיניטי איז, (אדער לכל הפחות וואס איז עס נישט), קענען מיר ענדליך גיין צום משל וואס דער רבי רב דוד'ל האט ממשיל געווען.

ווי מיר האבן שוין געזען אין אנפאנג פון דעם ארטיקל, האט דער הילבערט-האטעל זיך גרינגערהייט געקענט ספראווען מיט א פראבלעם, וואס קיין איין האטעל אין דער וועלט קען נישט באוויזן. ווען אלע צימערן - בלי יוצא מן הכלל - זענען אנגעפילט, קען אין קיין שום וועג נישט ווערן פלאץ פאר א נייער גאסט. אבער דא, ביי אונזער ענדלעס האטעל, איז מיט א פשוט'ע טריק געווארן פלאץ. מ'האט פשוט געהייסן יעדעם גאסט זיך ארויפרוקן מיט איין צימער ווייטער. דער וואס איז געווען ביז יעצט אין רום נומער 1, איז אריבער צו רום נומער 2, נאך וואס דער וואס איז ביז יעצט געווען אין רום נומער 2 איז אריבער צו רום נומער 3, וכן הלאה. און וויבאלד מיר האבן דאך ענדלעס צימערן, איז נישטא קיין איין גאסט, וואס קען קומען שרייען אז ער האט נישט קיין צימער וואס איז מיט איין נומער גרעסער ווי די וואס ער איז געווען ביז יעצט, ושלום על ישראל, און יעדער איז רואיגערהייט צוריקגעגאנגען שלאפן.

אבער ביקשו צדיקים לישב בשלוה, און פלוצלינג איז געווארן א מהומה אין די מעין אפיס פונעם האטעל, עס איז אנגעקומען א נייע באס פול מיט פאסאזשירן צו אריינפיטן אין דעם האטעל, אבער נישט סתם א באס, נאר טאקע א באס מיט ענדלעס זיץ-פלעצער, יעדער פאסאזשיר האט געהאט א זיץ-נומער, איינער

איז געזעצן אין זיך נומער 1, און דער צווייטער אין זיך נומער 2, און אזוי ווייטער עד אין סוף.

וואס טוט מען מיט אזא באס? אנא יכנס כל הפשתן הזה? איז מען שנעל אריינגעלאפן צו דוד'ן: אדונינו המלך! אין הקומץ משביע את הארי ואין הבור מתמלא מחוליתו. ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה. אבער אונזער דוד'ל האט מיט א גאונות אויפגעקומען מיט א פשוטע עצה:

קודם כל, לאמיר קלאר מאכן, אז כאטש עס איז טאקע אן ענדלאז באס, איז אבער אלעס מסודר'דיג און קלאר, יעדער פאסאזשיר זיצט אויף איין זיץ, און אויף יעדע זיץ זיצט נאר איין פאסאזשיר, אזוי אז יעדער פאסאזשיר קען ווערן אידענטיפיצירט מיט א נומער: פאסאזשיר נומער 1, פאסאזשיר נומער 2, 3, 4, וכו' עד אינסוף.

אויב אזוי - זאגט רבי דוד'ל - הואיל ובאינסוף עסקינן, קען מען דאך רואיגערהייט בעטן יעדן גאסט וואס איז יעצט אין האטעל, ער זאל ארויפגיין צו דעם רום נומער וואס איז צוויי מאל אזוי פול ווי זיין יעצטיגע נומער, דהיינו, גאסט נומער 1, וועט גיין צו רום נומער 2, גאסט נומער 2 וועט גיין צו רום נומער 4, גאסט נומער 3 וועט גיין צו רום נומער 6, וכן הלאה עד אינסוף.

יעצט קומט אויס אז אלע איוואן-נומערן זענען פארנומערן, און נאר די אודד נומערן זענען ליידיג, (כידוע איז די סעט פון די איוואן-נומען ענדלאז, און אזוי אויך די סעט פון די אודד נומערן), יעצט גייט יעדער פאסאזשיר האבן פלאץ אינעם האטעל, פאסאזשיר נומער 1 וועט פלאצירט ווערן אין רום נומער 1, פאסאזשיר נומער 2 וועט פלאצירט ווערן אין רום נומער 3. אין אנדערע ווערטער יעדער פאסאזשיר נומער x, וועט ווערן פלאצירט אין רום נומער 2*x-1 (דאס הייסט די נומער זיץ וואס ער זיצט אויפן באס, געדאפלט אין צוויי, און דערנאך אראפגענומען 1, וועט מען אייביג באקומען אן אודד נומער), און אזוי קען זיך קיינער נישט אפרעדן אז ער האט נישט קיין פלאץ.

נעם אין באטראכט! במשך דעם גאנצן משל, ווען מיר זאגן אז איינער קען זיך יא אדער נישט אפרעדן אז ער טרעפט נישט קיין פלאץ, דארף עס ווערן אויפגעוויזן מאטעמאטיש, למשל זאל איינער וואס איז געקומען מיטן באס זאגן אז ער טרעפט נישט קיין פלאץ, קען מען איהם אויפווייזן אז ער קען רואיגערהייט טרעפן א ליידיגע רום.

ווי אזוי ווייז איך איהם עס אויף? איך פרעג איהם וואס איז דיין זיץ נומער, און ער געבט מיר עס. יעצט ווייס איך פאר זיכער אז ער איז דער איינציגסטער מענטש וואס זיצט אויף דעם זיץ-פלאץ. דאן נעם איך דעם נומער און איך דאפל עס אין צוויי, און איך נעם אראפ איינס, וויבאלד דער רעזולטאט-נומער וואס קומט ארויס איז אן אודד נומער, ווייס איך פאר זיכער אז קיין איינער פון די פריערדיגע געסט איז נישט דארטן מער. און וויבאלד דער רעזולטאט-נומער קען נאר זיין א רעזולטאט פון איין איינציגע נומער, ווייס איך אז דער רום איז ליידיג און גרייט פאר זיין באנוץ. (עס פאדערט אפשר מאטעמאטישע פרוף, פאר די אלע סטעיטמענטס וואס איך זאג דא, אבער צו אונזער מזל, איז די אלע זאכן אויפגעוויזן מאטעמאטיש).

אבער יעצט, ווערט דער פראבלעם נאך אסאך מער קאמפליצירט, עס קומט יעצט אן ענדלאז באסעס מיט ענדלאזע פאסאזשירן, פשוטו כמשמעו, אזוי ווי איר הערט. דא זענען שוין זיכער די איינגעשטעלטע אז דוד גייט אויפגעבן, ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט אזא אויסמישעניש.

אבער ניין. נישט אונזער דוד'ל, ער געבט נישט אזוי שנעל אויף, ער קנייטשט צוזאם זיין שטערן, אהההה... ער איז אויפגעקומען מיט א גאונות'דיגע עצה:

קודם, אזוי ווי פריער, לאמיר מאכן סדר דא, לאמיר געבן פאר יעדן פאסאזשיר א נומער ווי ער קען זיך אידענטיפיצירן, סא, לאמיר אנפאנגען מיט די באסעס, באס נומער 1, באס נומער 2, באס נומער 3, באס נומער 4, און אזוי ווייטער...

יעצט, יעדער פאסאזשיר און יעדע באס, ווערט אידענטיפיצירט זייער גרינג: פאסאזשיר נומער 1 פון באס נומער 1, פאסאדזשיר נומער 2 פון באס נומער 1, פאסאדזשיר נומער 3 פון באס נומער 1, וכן הלאה, און די זעלבע מיט באס נומער 2, און 3, וכן הלאה....

קומט אויס אז יעדער פאסאזשיר ווערט אידענטיפיצירט מיט 2 נומערן (וואס יעדע נומער קען האבן וויפיל דיזשיטס עס דארף), 1_1, 1_2, 1_3, ...

דאן איז ער אויפגעקומען מיט א פשוטע עצה, וויבאלד ער ווייסט צוויי פאקטן: 1) די סעט פון אלע פריים נומערן איז ענדלאז. 2) יעדע פריים נומער וואס ווערט געדאפלט אין זיך (דאס הייסט, ארויף צו עני פאווער), וועט קיינמאל נישט זיין די זעלבע ווי אן אנדערע פריים נומער'ס עני פאווער. (געבעיסט אויף דעם פונדעמאנטאלן געזעץ פון אריטמעטיק).

אויב אזוי קענען מיר זיך אן עצה געבן מיטן ערשטן באס (פון אינפיניטי געסט), אז מיר וועלן שיקן דעם ערשטן פאסאדזשיר צו דעם ערשטן פריים נומער (וואס איז 2) פאווער 1, דעם צווייטן פאסאזשיר 2 פאווער 2 (וואס קומט אויס 4), דעם דריטן פאסאזשיר - 2 פאווער 3 (וואס איז 8), און אזוי ווייטער, ביז מיר ערלעדיגן יעדן גאסט נומער x פונעם ערשטן באס צו רום נומער 2 פאווער x, וכן הלאה עד אינסוף. האבן מיר זיך נאר אן עצה געגעבן מיטן ערשטן באס, וואס טון מיר מיטן צווייטן באס?

אלזא, מיר נעמען דעם צווייטן פריים-נומער וואס איז 3, און מיר טון די זעלבע זאך, דער ערשטער פאסאזשיר גייט צו רום נומער 3 פאווער 1 (וואס איז 3), דער צווייטער פאסאזשיר גייט צו 3 פאווער

2 (וואס איז 9), און אזוי ווייטער. און דאס זעלבע טוט מען מיט יעדן באס, אבער ביי יעדן באס נוצט מען אן אנדער פריים-נומער, איי - ווערסטו פרעגן עס איז דאך דא ענדלאזע באסעס, וועל איך דיר ענטפערן אז עס איז דא ענדלאזע פריים נומערן.

(טראכט זיך איבער, אויב דו פארשטייסט טאקע, ווי אזוי איך בין זיכער אז קיין איין רום ווערט נישט גענוצט פאר צוויי געסט).

שוין, פראבלעם סאלווד! (כאטש, אז מ'טראכט אריין וועט מען זען אז עס זענען נאך פארהאן ענדלאזע ליידיגע רומס, אזוי ווי למשל רום נומער 6, 10, 15, און אזוי ווייטער).

רבי דוד'ל מאכט זיכער אז אלע געסט באקומען זייערע געסט, און הייבט שוין אן זיך צו צוגרייטן צו תיקון-חצות, ווען פלוצלינג הערט ער א גערודער אינדרויסן, עס טוט זיך א רעש, דער זייגער וויזט שוין קרוב צו חצות, און עס הערט נישט אויף צו קומען געסט צום האטעל. וואס איז יעצט געשען? יעצט איז אנגעקומען איין ריזיגע לאנגע באס, מיט ענדלאזע צאל פון סיטס, ווען אין יעדע סיט זיצט א פאסאנדשזיר, און יעדער איינער פאדערט א זכות-כניסה אינעם וואונדערבארן האטעל.

רבי דוד'ל גייט אריין אינעם באס, און ער הייבט אן צו לייענען די נומערן פון די סיטס, און ער זעט אז יעדע סיט ווערט אידענטיפיצירט מיט אן ענדלאזע נומער, ווי למשל סיט נומער .... 1111111, און אזוי ווייטער, פארשטייט זיך אז עס איז נישט פארהאן קיין צוויי סיטס וואס פארמאגן די זעלבע ID'ס, אזוי אז יעדער קען ווערן אידענטיפיצירט (טעארעטיש, ווייל פארשטייט זיך אז פאקטיש אין עולם המעשה, קען מען נישט לייענען קיין ענדלאזע נומער, אבער לאמיר נישט פארגעסן אז אלעס איז דא טעארעטיש, ווייל אין עולם המעשה איז דאך נישט פארהאן קיין היילבערט-האטעל). דא האט רבי דוד געהויבן הענט מיט יאוש, און געזאגט אז ער האט נישט קיין פלאץ מער פאר די געסט. וואס איז דא געשען?

פארוואס האט ער דא געהויבן הענט? וועט קומען אין א המשך'דיגע ארטיקל (געוואנדן אין דער אינטערעסע פון די לייענער).

## א לייענער פרעגט

„געוואלדיג“ האט געפרעגט, און „פארוואס?“ האט געענטפערט:

„איין זאך פארשטיי איך נישט פארוואס דארף מען ארויף רוקן אלע געסט מען קען דאך סתם ארייליגן די געסט אין די אין סוף צימערן וואס זענען נאך נישט גענוצט געווארן און ווען עס קומען נאך געסט קען מען ווייטער טון אזוי עס זענען דאך אלס דא גענוג און נאך צימערן עד אין סוף וויפיל געסט אזוי פיל צימערן סא מה כל הרעש וואס ווערט מען בכלל פארלוירן ווען עס קומט אן אין סוף באס“

דער משל איז געווידמעט לשבר את האוזן, אז צוויי סעטס אינפיניטי איז עקוואל צו אינפיניטי, (און טאקע דאס איז די כלומר'שטע אבסורד וואס יידל האט דערמאנט אז צוויי מאל אינפיניטי איז אינפיניטי).

דעריבער, סתם זאגן אז עס איז געבליבן אינסוף אומ-באנוצטע צימערן (נאך וואס עס איז שוין פארהאן געסט אינעם האטעל), איז נישט קיין מהלך, ווייל טאקע דאס איז וואס מיר פראבירן צו אויפווייזן.
דעריבער איז די עצה צו ארויקן יעדעם גאסט צו רום נומער x*2, וואס דאס איז מכריח אז עס איז דא פלאץ פאר יעדן.

קאווע שטיבל • אינעם זעלבן אשכול • 17טן מערץ 2015

איבערלעבונגען

# יעלאוסטאון און גרענד טיטאן

ענטעלאפ איילענד סטעיט פארק, יוטא - איידעהא - יעלאוסטאון נעשענעל פארק - גרענד טיטאן נעשענעל פארק - דזשעקסאן ווייאמינג - סאלט לעיק סיטי יוטא

פון **ערנסטגעגרעדט**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „מיינע ראודטריפ נסיעות – יעלאוסטאון און גרענד טיטאן" • 17טן יולי 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16425.html

איינע פון די פלעצער אויף מיין באקעט ליסטע איז אלץ געווען יעלאוסטאון, די גרעסטע עקא-סיסטעם אין אמעריקע. פון וואו הייסע ברעדיגע וואסער און בלאטע באבלט און שפריצט, ווי די מעכטיגע בייסאנס און מאסס מיט עלקס שפאצירן זיך געמיטליך, ווי דער גריזלי בער געפינט זיך און ווי ס'שרייט זיך ארויס דעם מה רבו מעשיך ה' פון זיך אליינס ווען מ'פארט אריבער די הערליכע פארשנייטע שפיץ בערג, וואסער פאלן, לעיקס, ריווערס, בלויזע בערג און אלעס וואס א נאטור ליבהאבער קען נאר וועלן.

די געלעגנהייט איז אנגעקומען. מ'מאכט דעם פלאן און אין א מזל'דיגע שעה ויסעו.

די נענטסטע עירפארטס זענען אין דזשעקסאן ווייאמינג, וועסט יעלאוסטאון מאנטאנא אדער באזומען מאנטאנא, אבער היות דאס איז א ראודטריפ זענען מיר געפלויגן קיין סאלט לעיק סיטי אין יוטא וואס איז אין איינווענס אויך די ביליגסטע פון אלע אויבנדערמאנטע עירפארטס און א פינף שעה דרייוו.

ביים ארויסקומען פון דעם עירפארט זענען מיר גלייך אנטפאנגען געווארן דורך די הערליכע 'וואסאטש' בערג וואס באשיינט די פאנאראמע פון סאלט לעיק סיטי. מיר זענען געפארן אפנעמען אונזער קאר פונעם רענטל. מיר מאכן א סטאפ אין וואלמארט איינצוקויפן וואס מיר האבן נישט מיטגעשלעפט, אן אייז-באקס און א גרויסע קעיס וואסער און מ'לאזט זיך ארויס.

ענטעלאפ איילענד סטעיט פארק

די ערשטע סטאפ איז די ענטעלאופ איילענד סטעיט פארק, א קנאפע שעה דרייוו, די יוטא זון איז א שווערע, און די איילענד איז מער א מדבר ווי א פארק. קיין שאטן איז נישטא און עס ווערט הייס זייער שנעל, אבער אפילו ס'איז נעבן דעם וואסער איז עס נישט נאס און יומיד' נאר גאר הייס. נאך א מזל מיר האבן אסאך קאלטע וואסער מיט אונז.

די איילענד איז די גרעסטע אין די גרעיט סאלט לעיק און עס נעמט מסתם א גוטע צוויי שעה דורכצופארן. מיר זעען אפאר קארן האבן זיך אפגעשטעלט אויף דער זייט (רול אף טאמב, אויב אפאר שטעלן זיך אפ מיינט עס עפעס האט מען געטראפן) און טאקע נישט ווייט זעט מען אפאר בייסען פאשענען אויף דעם גראז. זיי זענען ריזיג גרויס און עס שטייען סיינס איבעראל מ'זאל זיך נישט אנהייבן מיט זיי. די ענטעלאופס אליין וואס דער פארק האט זייער נאמען האבן מיר נישט געזען. עס זענען אויך פארהאן פארשידנארטיגע פייגלעך וואס מיר האבן יא געזען.

מ'שטייט און מ'כאפט בילדער און מ'נעמט אריין די הערליכע פאנאראמע, וואס איז נישט מעגליך צו באשרייבן.

איידעהא

פון דא צילט מען קיין איילענד פארק, איידעהא ווי מיר ווילן די נאכט.

מיר נעמען דעם שענסטן וועג לויט אונזער ריסערטש און דאס אויג ער ווערט נישט זאט, הערליכע גרינע בערג, רויטע בערג, און פארשידענע לענדסקעיפס. די וועגן זענען זייער געדרייט, אבער עס לוינט זיך יעדע מינוט.

נאך בערך דריי שעה קומען מיר אן צו די 'בער לעיק אווערלאק' וואס איז גאנץ אויבן א בארג און מיר עסן נאכאמאל. די בער לעיק איז א הערליכע שיינע בלויע קאליר, און עס געפינט זיך האלב אין יוטא און האלב אין איידעהא.

פון דא פארן מיר אראפ די 'לאגען סיניק בייוועי' וואס שלענגלט זיך הארט נעבן די בער לעיק.

די סצענע איז הערליך, מיר פארן אויך אריבער קליינע שטעטלעך אין איידעהא, די ספיד לימיט איז 70 אדער 80 און דערנאך 25 ווען מפארט דורך די קליינע שטעטלעך. עס איז שוין 10:00 ביינאכט אבער ס'נאך היבש לעכטיג, די צוויי און זיבעציג איז נישט פאר 10:30 דא אין די בערג.

א צייט שפעטער קומען מיר אן צו אונזער האטעל ווי מיר שלאפן די נאכט.

יעלאוסטאון

ויהי ערב ויהי בוקר, מיר לאזן זיך ארויס אויפן שעה דרייוו צום מערב אריינגאנג פון דעם יעלאוסטאון פארק. עס איז נאר אכט אזייגער צופרי אבער עס איז שוין דא א לאנגע שורה פון קארס מיט מאביל האומס וואס ווארטן אריינצוגיין.

מיר האבן דאונלאודעד איינע פון די 'סעלף גיידעד טורס' וואס געט א מאפע מיט אלע וויכטיגע און אינטרעסאנטע לאקאציעס ווי מ'דארף זיך אפשטעלן, געוואנדן פון וועלכע אריינגאנג מ'קומט אריין. עס כאפט די לאקאציע ווי מ'איז און דער טור גייד דרש'נט. ווי אויך רעדט ער ארום אינטרעסאנטע היסטארישע פאקטן.

צו זען אלעס אין דעם פארק איז דא דער מעין ראוד וואס איז פארמירט ווי אן 8, דער ראוד הייסט 'גרענד לופ ראוד'. דאס דורכצופארן נעמט א גוטע 8-7 שעה, און מיט סטאפס, ווער רעדט נאך פון הייקס, קען עס נעמען פון אפאר טאג ביז אפאר וואכן. אבער היות עס איז, ווי געזאגט, אין דער צורה פון א 8, קען מען אנהייבן איין האלב און פארענדיגן די צווייטע האלב די נעקסטע טאג.

עס זענען דא פינף וועגן אריינצוגיין אינעם פארק:

1- צפון קומט פון גארדינער, מאנטאנא בערך א שעה דרייוו פון באזמען, מאנטאנא.

2 - מזרח קומט פון קאדי, וויאמינג.

3 - צפון-מזרח קומט פון קוק סיטי, מאנטאנא, די יודעי דבר זאגן אז דער וועג איז דער שענסטער.

4 - דרום קומט פון דזשעקסאן, וויאמינג גראד אריין פון גרענד טיטאן נעשענעל פארק.

5 - מערב קומט פון וועסט יעלאוסטאון וואס איז די נענטסע אריינגאנג צו דעם פארק.

גייזערס

ווי געזאגט, גייען מיר אריין פון דער מערב זייט. אויפן ערשטן טאג זען מיר צענדליגע וואסערפאלן, גייזערס, הייסע ספרינגס און באסיינען. גייזערס איז נאטורליכע הייסע וואסער וואס שפריצט ארויס פון אונטער דער ערד, עס זענען פאראן איבער צען טויזנט אזעלכע איבער דעם פארק, נישט צו אלע קען מען אנקומען און נישט אלע זענען אקטיוו און נישט אלע האבן נעמען, עס גיט ארויס אזא שמעק פון פאר'סרח'טע אייער, דער טור גייד אויפן טעלעפאון זאגט אז דער שמעק קומט פון די פארשידענע כעמיקאלן און גאזן וואס געפינט זיך דארט אונטער דער ערד.

צווישן די פילע גייזערס און הייסע באסיינען איז דא די פאר באקאנטע, די 'אלד פעידפול' וואס עראפטירט יעדע שעה א האלב, די 'סטימבאוט גייזער' וואס ווען עס עראפטירט ציטערט די ערד ארום דעם אזוי ווי אן ערדציטערניש און עס שיסט וואסער אזוי הויך ווי 400 פוס! און די 'גרענד פריזמאטיק ספרינג' וואס איז די גרעסטע באסיין מיט הערליכע קאלירן. אויך איז דא די 'וועסט טאמב' וואס פארמאגט די 'פישינג קאון', די לעגענדע ארום דעם נאמען איז אז היות דאס איז גלייך נעבן די יעלאוסטאון לעיק, פלעגן פישכאפער כאפן פיש און עס תיכף אפקאכן אין דעם בריעדיגן וואסער, היינט פארשטייט זיך איז עס נישט ערלויבט.

דאס וואסער אין די גייזערס און באסיינען זענען אזוי הייס אז עטליכע מענטשן וואס זענען דארט אריינגעפאלן דורכאויס די יארן זענען איינגאנצן צעגאנגען, עס ווערט געשאצט אזוי הייס ווי 500 דעגרי!

אין אן אינטרעסאנטן אנעקדאט דערציילט ער אונז אז אין 2018 האט א גייזער עראפטירט און שמאטעס מיט אנדערע חפצים צווישן זיי זאכן פון די 1930 יארן זענען ארויסגעפלויגן איבערן פארק. מדארף אויסהערן די ווארענונגען און גארנישט אריינווארפן אין די וואסערן, לייגט ער צו.

כמעט אלע גייזערס זענען זייער אנפראדיקטעבל און מקען נישט פאראויס זאגן ווען עס וועט עראפטירן, געוויסע מענטשן וואס ליגן דערין קענען צומאל דארט שלאפן פאר וואכן צוליב סימנים וואס זיי האלטן וויזט אויף א קומענדיגע עראפשען, עס געלונגט זיי אמאל יא און אמאל נישט. געוויסע גייזערס און באסיינען באקומען נאטורליכע קאלירן ווי בלוי רויט ווייס אדער א געמיש פון עטליכע. פון אסאך ערטער אינעם פארק זעט מען א רויעך וואס קומט ארויס פון די גייזערס כאטש עס שפריצט נישט, געוויסע שפריצן יא, געוויסע הערט מען באבלען, אנדערע זעט מען מאראסט באבלען, עס איז מורא'דיג אינטערעסאנט, כאטש וואס עס ווערט זייער רעפעטעטיוו.

גרענד קעניאן

יעלאוסטאון פארמאגט אויך א 'גרענד קעניאן' ווי א וואסער לויפט דורך אונטן צווישן די הויכע בערג. עס זענען דא אסאך הייקס ווי מ'קען זען בעסער דעם קעניאן. עס זענען דא פארשידענע 'לאקאוטס' ווי מ'קען זען די אויבערשטע חלק אדער אונטערשטע חלק פון די פאללס, דאס הייסט דאס וואסער וואס פאלט אריין אינעם קעניאן.

יעלאוסטאון לעיק

אינמיטן דעם פארק איז אויך דא א ריזיגע לעיק, ווי מקען שיפלען אבער נישט שווימען ווייל דאס וואסער איז צו קאלט ווי באלד דאס איז 8,000 פוס העכער סי-לעוועל. דאס וואסער איז א

הערליכע און ריינע, כאטש וואס טרונקען איז נישט רעקאמאנדירט צוליב וואס דאס איז די היים פון פילע בעלי חיים וואס שטארבן דארט און הרג'ענען. עס איז דא א באקאנט בילד וואס א גליקליכע פאטאגראפירער האט אפגעכאפט ווי א גריזלי בער הרגעט און דערטרענקט אן עלק אין די וואסערן.

מאונט וואשבורן

דאס רוב פון דעם פארק איז אזוי הויך ווי 8,000 פוס העכער סי-לעוועל, און עס גייט ארויף צו העכער 10,000 אין געוויסע ערטער ווי 'מאונט וואשבורן'. מיר זענען ווייס אויף דעם בארג, אונז זענען נישט זיכער צי דאס איז סתם דער קאליר פון דעם בארג אדער שניי, ווי ער וואלט געליינט מיינע מחשבות זאגט אונז טאקע דער טור גייד אז עס קען שנייען אויפן בארג אפילו זוממער! מיר באמערקן א פאמיליע וואס לויפט ארויס פון דער קאר צו טאפן דעם שניי. מיר זענען ארויס פון קאר און א שווערע ווינט איז אונז גלייך באפאלן. עס איז גאנץ קיל דארט אויבן.

אזוי פארנדיג טוישט זיך די לענדסקעיפ פאנאראמע און וויאו יעדע פאר מינוט, ווען מ'מיינט אז מהאט שוין געזען גענוג ווערט מען געוואר אז דער באשעפער קען בעסער ווי מ'קען זיך נישט פארשטעלן.

אזוי צוקוקנדיג ווי קאר נאך קאר שטעלט זיך אפ אויף די זייטן פונעם ראוד צו כאפן בילדער, טראכט איך צו מיר וואס האבן די מענטשן געטון פאר עס זענען געווען קעמערעס? צי קען ווערטער אין א בוך באשרייבן א פאנאראמע? און אפילו בילדער, צי קענען זיי ווייזן וואס אונזערע אויגן קענען זען? אפשר וועט עפל-וויזשאן טוישן די מציאות, אבער ביז דאן דארף מען עס אליין זען צו פארשטיין די שיינקייט פונעם נאטור.

העידען וועלי

מיר קומען אן צו 'העידען וועלי'. אונזער רעדנער זאגט ס'הייסט נאך איינע פון די ערשטע עקספלארערס פונעם פארק. דאס איז א טאל ווי אסאך בעלי חיים דרייען זיך, מערסטנס בייסאן און עלקס. די בערן, זאגט ווייטער דער טור גייד, האבן מורא פון די קארס. אבער אויב גייט מען הייקן קען מען זיי אנטרעפן, מיר איז באקוועם די קאר און עס פעלט נישט אויס צו זיך טרעפן מיט דעם בער.

אויפאמאל איז דא א שווערע טראפיק, וואס איז? אפאר בייסאן האבן באשלאסן צו שפאצירן אויפן ראוד, דאס רופט זיך אין יעלאוסטאון טערמינאלאדזשי 'בייסאן דזשעם' דאס מאכט זיך גאר אפט אין די טאלן, ווי זיי ווילן ווייזן ווער עס איז דער עכטע בעל הבית פונעם פארק.

עס איז אויך דא די 'לאמאר וועלי' ווי די בעלי חיים דרייען זיך, אבער דאס איז נאנט צו דעם צפון-מזרח ארייננגאנג, א צוויי שעה'דיגע וועג פון וואו אונז זענען.

*

מיר נעכטיגן איבער אין וועסט יעלאוסטאון בערך 25 מינוט צום ארייננגאנג פונעם פארק. די פרייזן פאר האטעלן אין דער גאנצער אומגעגנט זענען געשוואלן, א 2 סטאר האטעל קען בעטן 250 א נאכט. א 3 סטאר גייט פאר העכער 350. 4 אדער 5 סטאר איז כמעט נישטא אין געגנט.

און כמעט אלע זענען אזוי ווי צימערן אין דער באבעס הויז מיט אלטע קארפעט, און אזא כמו האלצערנע קעבין וואנט באצירט מיט דעם קאפ פון א מאסס.

[פארקירצט]

די נעקסטע טאג פארט מען צוריק אריין אינעם פארק צו פארענדיגן וואס מיר האבן נאכנישט געזען. 'אלד פעידפול' איז דער עיקר וואס אונז דארפן זען. עס איז א געגנט אינעם פארק עס הייסט נאך דעם 'אלד פעידפול גייזער' וואס שיסט ארויף אזוי פיל ווי 8000 גאלאן וואסער אין בערך פיר מינוט. עס הייסט אזוי ווייל עס איז די איינציגסטע גייזער וואס איז 'פעידפול' אין זיינע עראפשענס. א ריזיגע עולם שטייט אוןווארט אנגעשפיצט מיט פאונס, קעמערעס און קוקערס, דאס איז די איינציגסטע גייזער וואס איז ווי געזאגט פרעדיקטעבל, דער פארק לאזט וויסן די צייט ווען עס וועט עראפטירן און זיי זאגן עס קען זיין ביז דרייצן מינוט אפגערוקט. צען מינוט שפעטער ווי די אריגינעלע צייט עראפטירט עס מיט א כח. ס'איז א שטיקל שאו, און ווען עס ענדיגט אפלאדירט מען.

פון דארט איז דא אפאר ראודס און בארדוואלקס צו נאך גייזערס וואס מ'מוז זען.

מ'באזוכט די אלד פעידפול אלטע מאטעל, געמאכט פון האלצערנע לאגס, עטליכע שטאק הויך. און כ'מיין אז מהאט שוין גענוג געהאט מיט די גייזערס. עס איז פירע נאכמיטאג און ס'איז צייט צו פארלאזן דעם פארק.

גרענד טיטאן נעשענעל פארק

פון דא צילן מיר קיין דזשעקסאן וויאמינג, צו גרענד טיטאן נעשאנעל פארק. ווי געזאגט, גייט די דרום ארייננגאנג גראד אריין פון יעלאוסטאון צו די גרענד טיטאן. דער וועג איז א הערליכער.

זייענדיג סוקסעספול מיט אונזער טור גייד פאר יעלאוסטאון האבן מיר אויך איינגעקויפט דעם טור פארן גרענד טיטאן, יעדע איינס קאסט א נישטיגע פופצן דאלער.

ווען מיר האבן געמאכט ריסערטש אויף דעם פארק האט מען איבעראל פארגעשלאגן א טאג צוויי אלעס צו זען. באמת אויב גייט מען נישט הייקן, קען מען עס ענדיגן אין א האלבע טאג עס איז סאך קלענער פון יעלאוסטאון. די פאנאראמע איז ווי פון א פאוסט-קארטל. די גרענד טיטאנס אליינס זענען גרויסע

פארשנייטע שפיצן בערג אזוי הויך ווי 13,000 פוס, וואס מ'קען זען פון דעם גאנצן פארק.

לעיקס

עס זענען דא אפאר לעיקס אינעם פארק ווי דזשעני לעיק וואס איז באקאנט מיט איר ציכטיג ריינע בלויע וואסער, די דזשעקסאן לעיק וואס איז די גרעסטע אינעם פארק, אויך איז דא עטליכע לעיקס וואס מ'מוז הייקן אנצוקומען אהין.

קאלטער בעי איז א פלאץ נעבן דזשעקסאן לעיק וואס פארמאגט אלע מיני אקטיוויטעטן.

פלעיסעס אף אינטרעסט

סיי אין יעלאוסטאון און גרענד טיטאן זענען דא יעדע פאר מינוט 'פולאוטס', דאס הייסט אן ארט ווי מ'קען זיך אפשטעלן נעבן דעם ראוד.

געוויסע זענען טאקע הערליכע פלעצער צו כאפן בילדער, אין גרענד טיטאן איז דא עטליכע באקאנטע, צווישן זיי די סנעיק ריווער אווערלאק, א הערליכע וויאו פון די בערג מיט א ריווער וואס שלענגלט זיך ווי א שלאנג, מיר האבן דארט אנגעטראפן א פרוי וואס האט געפעינט א בילד דארט אויפן פלאץ פונעם פאנאראמע, זי זאגט ס'האט איר גענומען זעקס שעה צו מאלן.

א קורצע ראוד טראגט צו 'שוואבאטשער לענדינג' צו ווי אסאך קומען פאר סאנסעט ווי די בערג ווערן רעפלעקטירט אין די דערנעבנדיגע סנעיק ריווער.

א צווייטע נישט געפלאסטערטע ראוד טראגט צו 'מארמאן ראו' וואס איז אפאר האלצערנע לאג הייזער פון די בראשית 1900 יארן ווי א מנין מארמאנס האבן זיך באזעצט.

פאטאגראפירער גלייכן צו אפכאפן סאנרייז, די זון, די אלטע געביידע און די בעקגראונד פון די מאיעסטעטישע טיטאן בערג מאכט א הערליכע בילד.

ווייטער איז דא די 'אקסבאו בענד' דאס איז ווי דער ריווער זאל זיך ווען געבן א בייג אויף צוריק, און שפעטער איז דא א טאל ווי אסאך בייסאן און מאסס מיט עלקס דרייען זיך. ס'דארף אויך צו זיין אדלערס אבער מיר האבן נישט זוכה געווען צו זען.

א קורצע דרייוו נעמט צו 'טיטאן ווילעדזש' ווי עטליכע שיינע האטעלן געפונען זיך צופיסנס פונעם בארג. עס געפינט זיך דארט די גאנדאלא און טרעם ארויפצוגיין דעם בארג, ווי מ'קען טון פארשידענע אקטיוויטעטן.

דזשעקסאן

מיר נעכטיגן איבער אין דזשעקסאן, וואס איז בערך א האלבע שעה פונעם פארק. די פרייזן אזוי ווי אין וועסט יעלאוסטאון זענען גאר הויך. דזשעקסאן איז א הערליכע שטאט ארומגענומען מיט בערג, דער ווינטער ביינאכט איז היבש קיל אין דעם זוממער, און דער האטעל שטעלט צו געשמאקע פייער-פלעיסעס אינדרויסן זיך אנצווארעמען.

עס איז דא א חב"ד נישט ווייט, מיט מנינים טעגליך. זיי שטעלן אויך צו שבת אויב מ'דארף.

צומארגנס פארן מיר גוט פרי צוריק אריין אינעם פארק צו פארענדיגן די לעצטע פאר ערטער וואס מיר האבן נישט באוויזן צו באזוכן. מיר גייען אויף א הייק פון דזשעני לעיק וואס פירט צו א הערליכע וואסער פאל, און מיר פארן צוריק קיין סאלט לעיק סיטי. דער וועג פון דזשעקסאן קיין סאלט לעיק סיטי איז מורא'דיג שיין, אראפ און ארויף און זייער געדרייט אבער הערליך. עס איז נישט דער זעלביגער וועג פון וואס מיר זענען געקומען.

אינמיטן וועג שטעלן מיר זיך אפ אין איידעהא פאלס, א קליינע שטעטעלע מיט א שיינע וואסער פאל, און א פארק. מיר זענען שוין אזוי געספויעלט אז עס איז אונז שוין נישט אינטרעסאנט...

סאלט לעיק סיטי, יוטא

מיר קומען צוריק אן קיין סאלט לעיק סיטי, איך האב נישט געמאכט קיין סאך ריסערטש אויף דער שטאט ווייל כהאב נישט גע'חלומ'ט אז אונז וועלן האבן צייט דארט צו פארברענגען.

עס קוקט אויס ווי א גרויסע ביזי שטאט, א שנעלע גוגל סורטש זאגט מיר אז א גאר שיינע דרייוו איז בלויז צוואנציג מינוט אוועק, סהייסט 'ביג קאטאנוואד קעניאן'. מיר פארן אהין, ס'איז טאקע שיין. מיר האבן נאך אביסל צייט צו ארייננכאפן א קורצע גרינגע הייק ארויף א דערנעבנדיגע בארג, פון אויבן זען מיר די שטאט פון דער הייעך (וואס איז איינע פון מיינע משוגעת'ן).

מ'שטעלט זיך אפ ביי די לאקאלע חב"ד ווי עס געפינט זיך א פליישיגע עסן טראק, מ'קויפט איין אביסל נאכטמאל און מ'גייט צו די דערנעבנדיגע 'שוגער האוס פארק' זיך אפצורוען. שפעטער גייען מיר צוריק צו קאטאנוואד קעניאן צו זען א שיינע סאנסעט.

*

מיט געמישטע געפילן פון פרייד און טרויער פון זיך צוריקטרעפן מיט רעאליטעט ווענדן מיר זיך צום עירפארט, אבער אפשר איז דאס גאר די רעאליטעט און די טעגליכע לעבן א פאנטאזיע? העמיר איבערלאזן די חקירה פאר די אינטעלעקטועלע מאסן.

היסטאריע

# דער אמאליגער אידישער איסט סייד

א בליק צוריק אויף דעם אידישן לעבן פון די אימיגראנטן אין דער לויער איסט סייד: די לאנדסמאנשאפטן, די טעאטערס, די האטעלן אין די בערג.

פון **קאך_לעפל**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „דער אמאליגער אידישער איסט סייד“ • 26סטן יולי 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13247.html

שפאצירנדיג אזוי צווישן די געדרייטע שיינע געסעלאך פונעם אונטערשטן טייל פון מאנהעטן – האבן מיר זיך די געדאנקען מיטאמאל צוריק געטראגן צום ליכטיגן אמאל. צו דעם אמאל וועלעכע וועט זיך שוין ווארשיינליך מער קיינמאל נישט אומקערן, וואס עס איז געווען איז געווען מער נישטא. א הייסער בענקעניש-טרער האט זיך מיר אזוי אראפגעגלישט אויפן באק, און א פייער פון בענקשאפט האט זיך צונויפגעפלאקערט אין מיין הארץ.

אנהייב ניינצנטן יאר הונדרעט - האט די לויער איסט סייד פון מאנהעטן געשפרודלט מיט א העכסט אידיש לעבן. די אידישע קולטור האט זיך געשפירט אומעטום. אנגעהויבן פונעם שפראך, לויטער אידיש. א אידיש וואס האט זיך אפגעקלינגען מיט פארשידנארטיגע דיאלעקטן און אקצענטן. אידישע אימיגראנטן פון מזרח-אייראפע האבן זיך באשיינפערליך נישט געקענט שיידן פון זייער אויסגעבענקטע מאמע-שפראך, אידיש. די שילדן און די רעקלאמען פון די געשעפטן זענען געווען געשריבן אויף היימיש-אידיש. די אומצאליגע טעגליכע אינהאלטסרייכע צייטונגען, וועלכע זענען ערשינען ווי שוואמען נאך א רעגן, זענען מערסטנטייל געווען רעדאקטירט אויף אידיש. די שפילן און פארשטעלונגען אין די אידיש-טיאטערס זענען געווען געשפילט אין א היימישער אידיש. די קולטור און ליטעראטור, אלעס האט געשריגן אידיש, און בלויז אידיש. אפילו די נישט-אידן וועלכע האבן זיך מיט שוועריקייטן באוויזן דורכצושטיפן צווישן די צאלללאזע פושקארטס פון די פעדלער, זענען אויך עטוואס אנגעקלעבט געווארן מיט דער אידישער אטמאספערע וואס האט געהערשט דארט. אומצאליגע אידישע ווערטער און אויסדרוקן זענען אזוי אומאפיציעל אריין געשטעלט געווארן אינעם ווערטער לעקסיאן ביי די ארטיגע גויאישע איינוואוינער.

אויף יעדע צווייטער ווינקל האט זיך געפונען א אידישער דעליקאטעס געשעפט - וואו מ'האט זיך געקענט איינהאנדלען געשמאקע טראדיציאלע אידישע דעליקאטען. היימישע קרעפטיגע קניידל זופ, אונטערגעשלאגענע בארשט, האנט-געשניטענע הייסע פאסטראמע, וואס איז אין אלגעמיין סערווירט געווארן צווישן צוויי פרישע שטיקער ווייסע ברויט, באגאסן מיט א טראדיציאלע רוסישע זאפט אדער זענפט, און צו דער זייט א סלוי פון היימיש-געמאכטע זויער-אוגערקעס, און א שיסל זויער-קרויט. צעהאקע לעבער סערווירט אויף א פלאכער טעלער, געפילטע קרויט איינגעווייקט אין פאמידארן זאפט, און פרישע הייסע קארטאפל קנישעס, בלינצעס, און נאך.

די נאסטאלאגישע קארטאפל קנישעס, קען מען זיך נאך ביז היינט צו טאגס איינהאנדלען ביי דעם יונה שימל קנישעס געשעפט אויף דער איסט האוסטאן גאס. דעליקאטען און נארהאפטיג אויפשניט, קען מען זיך נאך אויך איינהאנלען ביי כץ דעליקאטעס, וואס געפונט זיך אויך אויף דער איסט האוסטאן גאס. די דאזיגע צוויי דעליקאטען געשעפטן, זענען ווארשיינליך פון די איינציגסטע איבערבלייבענישן פונעם ליכטיגן פארגאנגנהייט.

פולצאליגע אינסטיטוציעס פאר אלערליי וואוילטעטיגע צוועקן זענען געווען טעטיג אינעם אלטן איסט סייד. א שטייגער ווי די דזשארמולאוווסקי באנק – וואס אירע גוט-הארציגע אייגענטומער זענען געווען שטארק אינסטרומענטאל פינאנציאליש ארויסצוהעלפן די אומצאליגע אידישע אימיגראנטן, וועלכע האבן מאסנווייז געשטרומט פון עליס איילענד - נישט פארמאגנדיג קיין רויטן קרייצער אין דער קעשענע, אנצוהייבן זייער ניי לעבן אינעם גאלדענעם אמעריקע. דער פארוועטס האט זיך אויך שטארק אפגעגעבן מיטן צושטעלן סאציאליסטישע הילף פאר די נארוואס-אנגעקומענע גרינע אימיגראנטן.

אגודת אנשי מעמד ובית ועד לחכמים וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך ר' שמואל אהרן רובין, מיטן ציל צו שטיצן און אויסצוהאלטן תלמידי חכמים, פענסיאנערן, אז זיי זאלן האבן די מעגליכקייטן זיך אפצוגעבן בתורה ובעבודה. פאר דעם הרב רובין איז געווען געווידמעט, די ערשטע שעה מוצאי שבת אויף דער אידישער ראדיא סטאנציע, און הרב רובין האט דאס אויסגענוצט אויפצוטרייבן די געלטער צו פינאנצירן זיין נאבעלע אינסטאטוציע. די לאנדסמאן האבן זיך געהאט זייערע אייגענע בתי מדרשים - וואס זיי האבן גענוצט אלס זייער איינגארטיגער

היימישער קרעמל. זיי האבן דארט ווייטער אנגעהאלטן מיט זייערע טראדיציעס און מנהגים וועלכע זיי זענען געווען געוואוינט פון דער אלטער היים.

אייגענליך, די גאנצע אידישע מקוה-פאליטיק אין דעם אלטן אידישן איסט סייד האט זיך געדרייט ארום לאנדסמאנשאפט. לאנדסמאנשאפט איז געווען דער אינטעגראלער טייל אינעם טאג טעגליכן לעבן...

דער אידישער איסט סייד האט אפילו פארמאגט איר אייגענעם זעלבסשטענדיגער אונטערוועלט. דער לעגענדארער אידישער מאפיאנער מאיר לאנסקי אינאיינעם מיט זיינע שווארצע חברה מאיר הערש קאהן (מיקי), בנימין סיגל, און נאך, האבן זיך אפגעגעבן מיט אלערליי אונטערערדישע מאפיאנערישע שטיק. די אידישע אונטערוועלטיקעס האבן ממש געווארפן א טויט שרעק אויף די גויאישע נאכבארן. די שווארצע אונטערוועלט האט אומאפיציעל געדינט אלס די שומרים אינעם אידישן קווארטאל אין דעם איסט סייד. אח און ווי איז געווען פאר עמיצער וואס איז אריינגעפאלן אין זייער הענד, יענער האט באלד באדויערט דעם טאג וואס דער פאטער זיינער האט פארשוואנגערט זיין מוטער...

און די הייסע זומער מאנאטן איז דער אידישער קווארטאל עטוואס אויסגעלערט געווארן. די אידישע מאסן האבן געמאכט זייער וועג צו דער באן סטאנציע. זיי האבן זיך ארויסגעלאזט צו דעם אידישער שווייץ – דער סאמע זעלבער ארט וואו מיר געפונען זיך אצינד, צו די קעסקלס בערג. דער עולם האט זיך אריינגעזעצט אין די אומצאליגע ארטיגע אידישע האטעלן, וואו זיי האבן זיך בלויז אפפגעגבן מיטן זיך פלעגן דאס גוף. די האטעלן האבן פארמאגט אן אנגייענדע קאנקערענץ צווישן זיך ווער ס'קען אהערשטעלן א געשמאקערע פליישיגע בארשט... די אידישע וואקאציאנערן האבן זיך דערפאר טאקע דערווארבן דעם נאמען די בארשט-פאסיקעס.

ווארום דארט אין די האטעלן האבן געגעסן און געטרינקען אן קיין שום גרענץ, דער איינציגסטער סיגנאל אויפצוהערן צו פרעסן, איז געווען דאס געברויך זיך צו עפענען דאס פאסיק. וואקאציאנערן האבן זיך דארט געטינקען אין שוואוילטאג טאג איין און טאג אויס. יעדע פרייטאג צונאכט זענען פארגעקומען הומאריסטישע אונטערהאלטונגען דורך בארימטע אידיש קאמידיאנטן, א שטייגער ווי יעקב משה מעסאן וועלכע האבן אונטערגעהאלטן די געסט. די קאמידיאנטן האבן זעלבסטפארשטענדליך נישט געזשאלעוועט קיין וואלגארישע ניוול פה, אזש די געסט האבן גוטמוטיג געלאכט ביז אין די קליינע נאכט שעות פון דער נאכט....

אוי... ס'זיגט זיך פון זיך אליינס:

אינמיטן ים, פארט א שיף, פארט זי אויסגעצויגן,
פארט א איד פון ארץ ישראל, מיט פארוויינטע אויגן.

אין ירושלים דארט,
אפגעלעבט די יארן,
און פון אזא הייליגן ארט,
געמוזט אוועקצופארן.
געלאזן דער משפחה דארט,
און אלע גוטע ברידער,
און קיין אמעריקע אז מען פארט,
איז דאך זיייער ביטער.

מיין פריינד, זאג איך צו איהם מיט פרייד,
איר דארפט זיך גארנישט שרעקן,
דער אויבערשטער האט שוין אנגעגרייט,
אן ארט פאר אייער וועגן.
פארהאן א ווינקעלע, גאנץ קליין,
פול מיט יראת שמים,
איר וועט זיך שפירן ווי אינדערהיים,
ווי אין י ר ו ש ל י ם.

(יו''ט ערליך)

א שמועס פון דער וואך

# חסידים פאר בייקס

מאי 2013: די שטאט שטעלט אויף סיטי־בייקס, און אפאר אינגעלייט גרינדן „חסידים פאר בייקס“. אויף קאווע שטיבל האט מען געהאט וואס צו זאגן.

פון **נולד מאוחר, שלשלת, בדחן און אנדערע**

קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • „חסידים פאר בייקס“ • 28סטן מאי – 6טן יוני 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3903.html

**נולד מאוחר** • 28סטן מאי 2013

כהער סשוין דא א חב"ד אקאנט כעין ענטירפרייז פאר די בייקס סקומט אן צי א דריטעל די פרייז.
איינער ווייסט דעם נומבער ?
איים קידינג.
דאס יא די 'חסידים פאר בייקס' בייקס זאל האבן די בעבעי סיעט מ'זאל קענען נעמען די קונדער. סדא די גרויסע וואגאנען וואס מקען מחבר זיין צים בייק דארט קען מען ארייננעצן בערעך א דריטעל פון דער משפחה. .מדארף שטאדלן דערפאר. ווייזער אבראהאם געגאנגען.

סגייט זיין עקסטערע סטעישנס ארונישע בייקס און זאלישע בייקס. סנאך עני טיים אזא פירצה ווי אינטערנעט אסיפה.. כהאב שוין מיט געהאלטן צוויי חסידים פלאנירן ווי אזוי צי פאלן פונעם בייק און סאון די סיטי פאר גרויס געלט. חסידים נוצן אויס די בייקס.

**סאשי פיש** • 28סטן מאי 2013

סע ארבעט נישט מיט קיין מאטאר
די גאנצע איידיע איז דאך מען זאל נישט דרייוון קיין קאר
ווייל סע מאכט פאלושען / גלאבעל אנווארעמינג

**שלשלת** • 28סטן מאי 2013

יא, סהאט זיך שוין אנגעהויבן... די ערשטע סיטי-בייק איז שוין גע'גנבט געווארן

ווען די ארבעטערס האבן נאך געהאלטן אינמיטן אינסטאלירן די בייקס ביי איינע פון די סטאנציעס, האט איינער אפגעיאגט מיט א בייק וואס איז נאך נישט געווען איינגעשפארט אין דעם סלאט

**שלשלת** • 31סטן מאי 2013

איך בין שטארק פרא סיטי בייקס

אין בין שטארק אנטי חילול השם, דורך גיין בארעדן די סיסטעם/סאטמאר/חסידים/וויליאמסבורג אד"ג. אחוץ אז די פרייע וועלט פאסמאקעוועט זיך נאכאמאל מיט אונזער שמוץ, זע איך נישט קיין תועלת וואס קען/וועט ארויסקומען דערפון.

**בדחן** • 2טן יוני 2013

און דער ענטפער דערויף איז זייער פארשטענדליך, אז מען האט געלייגט בייקס דארט ווי דער עולם ניצט בייק'ס.. נישט געטראכט דערפון?
אנשטא משוגע מאכן מיט אן ענגלישע וועבסייט און דאס גלייכן, וואס לכל היותר וועט מען פארדרינען א נייעס ארטיקעל אינעם דעלי-מעיל, הייב אן מאכא א מאוומענט ביי דיר אינעם געזעלשאפט צו ניצן בייקס,

אגב, וואס איז די mission statement פון דער ארגענאזציע?? מען חלומ'ט פון ווערן גרויס אבער מען האט נישט געטיען די אלף בית,

איז די ארגענאזציע געצילט אויפצוקלערן דעת הקהל? אויב יא ווי אזוי?

איז די ארגענאזציע געצילט צו באקימען א בייק סטעשען און וומסבו"ג ווען קיינער ניצט נישט קיין בייק'ס?

וואס וויל מען?

**בדחן** • 2טן יוני 2013

איז סע נישט קעגן דעם געזעץ צו פארן אויפן סיידוואק? פארוואס דארפן די חסידים אייביג ברעכן דאס געזעץ?

**שמעקעדיג** • 2טן יוני 2013

אוי. די ערשטע מאל וואס דו זעסט חסידים ברעכן דאס געזעץ? פארוואס פונקט יעצט שרייסטע?

**שלשלת** • 2טן יוני 2013

איך מיין אז אן אינגערמאן וועט זיך אסאך ענדערש ארויפכאפן אויף א בייק ביים עק פון דער שטאט - קענט, בראודוועי, מוירטל, סקילמאן - ווי אין דעם סאמע צענטער - ראדני, הופער, פענן, ווילסאן, וואלאובאט.
אײדער דו מאכסט א שטורעם, מיטן ציל צו ארייננבאקומען סטאנציעס אין דעם צענטער פון שטאט, נוץ קודם די עקזיסטירנדע סטאנציעס, וואס זענען שוין אינסטאלירט און אקטיוויזירט ביים ברעג פון שטאט.

**הירשל ציג** • 4טן יוני 2013

פארוואס איז רביה"ק זי"ע טאקע געווען קעגן בייקס פאר אינגלעך? אין אייראפע פארן אלע חסידים מיט בייקס

**boxcover** • 4טן יוני 2013

לכאורה ווייל אין יענע צייט איז יעדע ריר געווען, ארויס פון דער אידישער געגנט, וואס איז דאן געווען - און איז אויך היינט - א סכנה בגשמיות וברוחניות.

**חסידים-פאר-בייקס** • 6טן יוני 2013

ברוך השם חסידים פאר בייקס איז געווארן מפורסם, די מידיע הייבט אן צו הערן אז מיר חסידישע אידן האבן נישט פיינט בייקס און פארקערט מיר ווילן בייקס און מיר פרעגן "למה נגרע".

מיר האבן זייער אסאך ארבעט, און מיר זוכן עסקנים וואס ווילן אויך בייקס.

מיר דארפן הילף מיט שרייבן, גרעפיקס, ענטפערן אויף סאשיעל מידיע.

מיר האבן באקומען אסאך בקשות פון צייטונגען און TV פאר אינטערוויאס, ווער עס קען מנדב זיין ביטע לאזט אונז וויסן (אייער נאמען קען בלייבן פריוואט)

אם אין אני לי מי לי!

יעדער שרייבער און ליינער דא אויף קאווע שטיבעל איז פאסיג צו העלפן.

צוזאמען קען מען קערן א וועלט און אנקומען זייער ווייט!

[פארקירצט]

קולטור • מוזיק

# די היסטאריע פון חזנות

וי אזוי זענען די ניגונים און די נוסחאות געפארן פון לאנד צו לאנד, און ווי די חזנים זענען געפארן מיט זייערע כארן פון שטעטל צו שטעטל: דער ערשטער טייל פון א לענגערן ארטיקל, געשריבן היינט מיט 14 יאר צוריק.

פון **קוואַרטין**

קאווע שטיבל • מוזיק! • „היסטאריע פון חזנות“ • 26סטן אקטאבער 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2208.html

שוין פארביי א שטיק צייט וואס מיינע חברים דא אין "קאווניו" האבן מיר געבעטן אז איך זאל מאכן א באשרייבונג וועגן חזנות, נאכן אביסל אריינטון דערין, האב איך איינגעזען אז צו מאכן א באשרייבונג פון חזנות ס'זאל זיין ציענד און אינטערעסאנט, איז נישט פון די לייכטע זאכן, דעריבער האבעך מחליט געווען צו מאכן צווי באזונדערע באשרייבונגען, קודם א קורצע איבערבליק וועגן דער היסטאריע פון חזנות, און שפעטער צו באשרייבן איטליכע חזן באזונדער, און אויף יעדן פרובירן צו ברענגען איטערעסאנטע אנקעדאטן.

כ'וועל צוטיילן דעם ארטיקל אין דריי חלקים:

1 די היסטאריע פון חזנות

2 די תקופה פון די 'גאלדען עידוש'

3 חזנות בזמננו

די היסטאריע פון חזנות

איידער כ'לאז מיין פען לויפן, וויליך במערקן אז מיין באשרייבונג טהו איך בעיקר ווידמען וועגן די 'גאלדען עידוש תקופה' מילא וועל איך אין דעם נושא פון 'די היסטאריע פון חזנות' מאכן גאר א קורצע איבערזיכט.

מיטן אויבערשטנ'ס הילף.

חזנות האט אין אלע צייטן געהאט זייער א באדייטנדע און גאר וויכטיגע פונקציע אין דער אידישער היסטאריע, נגינה איז געווען א גרויס חלק פון דער עבודה בבהיהמ"ק שיבנה במהרה, ס'זענען אלץ געווען בעלי תפלה ומשוררים פייטנים וואס זענען געווען שליחי ציבור ביים אידישן פאלק.

סיז זיכער אז ביי חסידים האט מען געלייגט א שטארקע געוויכט אויף נגינה, איין פלאץ מער איין פלאץ ווייניגער, אזוי ווי חסידים האבן געטייטשט 'קחו מזמרת הארץ' מיט געזאנג זאל מען זיך דערענטערן. בנוגע צו חסידות האט מוריש געווען די ניגונים פון איין דור צום צווייטן, איז כדאי צו ערוועגען וואס כאב די וואך געזען נאכברענגען בשם הרה"ק דבר"י מסאטמאר זצוק"ל אז ער האט דאס אפגעווארפן זאגענדיג אז נגינה (אנדערש ווי געוויסע דרכים אין עבודת השם) איז נישט א זאך וואס חסידות האט איבער געגעבן בירושה פון איין דור צום צווייטן.

חזנות האט אבער במשך הדורות אנגעהויבן צו באקומען ברייטערע פארעמען, בעיקר ווען ס'איז פארגעקומען די 'טראנזיציע' פון פרימיטיווקייט-אנארכיזים, צו אנטוויקלונג-פרייהייט. די טייטע שטריק ארום די אידן איז געווארן לויזער, צו דער זעלבער צייט האט די וועלט בכלל אנגהויבן צו ווערן פארגעשריטן, באנען אין שנעל צוגן האבן אנגעהויבן צו פארן פון איין לאנד צום צווייטן, א.א.וו.. מילא קומט אויס, אז די רעגירונג האט אנגהויבן געבן מער פרייהייט פאר אידישע בירגער, האבן אידן באקומען מער צוטריט זיך חכמת המוזיקה, מילא האבן אידישע מוזיקער געקענט בעסער אנטוויקלען זייער מוזיקאלישן טאלאנט. (הגם נאטורליך, האט דער איד געהאט זיין 'אידישן ארגינעלן קרעכצץ' אנדעם וואס ער זאל דארפן ציקומען צום גוי, מיר רעדן אבער פונעם אקעדעמישן חלק). פארגעשריטנקייט: אז באנען האבן אנגעהויבן צירקולירן, די וועלט איז געווארן עטוואס קלענער, האט מען געקענט בעסער פארשפרייטן ניגונים און חזנות הן דורך פערזענליך פארן, און הן דורך שיקן א בריוו מיט נאטן.

נאך עד היום הזה קען צו-מאל אנכאפן א וואונדער וויזוי קען זיין, אז אינדערהיים זענען געווען זייער א סך אידישע פאלקס ניגונים, וואס קינד און קייט האבן געקענט, די ניגונים זענען געזונגען געווארן סיי אין אונגארן, טשעכיי, ראמעניא, און ווי נישט, דער וואונדער איז וויזוי האבן זיך די ניגונים פארשפרייט, נאר ס'מוז זיין אז א ניגון קען זיך די גרינגסטע פארשפרייטן, מילא קומט אויס אז א איד פון סעליש מוז נאר איינמאל פארן קיין פאפא, מיט ברענגען א ניגונדי'ל, און ס'פארט שוין ווייטער.

נחזור לענינו, דאס זעלבע איז געווען מיט חזנות, ס'האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן חזנות מיט נסחאות פון דעם חזן און פון

יענעם חזן, בקיצור: ס'איז געווארן א סירקולאציע פון ניגונים און חזנות.

***

די תקופה פון די גאלדען עידזש

די היסטאריע פון די גאלדען עידזש האט זיך בעיקר אנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פונעם נייגצענטן יאר הונדערט, אויפן העכסטן שטאפל איז דאס געשטאנען ביים לעצטן דריטל, אין אידיש להבדיל קומט דאס אויס בערך פון תר"ס און ווייטער. ס'פארשטייט אבער יעדער פון זיך אליין אז א רייכע אוצר קומט נישט פון זיך אליין, די חזנים פון די 'גאלדען עידזש' האבן געהאט זייער גרויסע רעבים, ממש גאונים אין מוזיק ביי וועמען ס'איז געווען וואס צו זעען און הערן. נו, אויב אזוי לוינט זיך דעמאלטס א טראפקעלע צוריק צו-מישן דעם סדר הדורות, און א בליק טון ווער זענען זיי געווען, די גרויסע טאטעס זייערע.

לאמיר אביסל צוריקגיין צו די פריערדיגע ת"ר יארן, בימים ההם זענען געווען זייער טאלאנטפולע בעלי תפילה און חזנים, א שטייגער ווי ניסי בעלזער (ספיוואק), ירוחם הקטן (בלינדמאן), ברוך שור, חזן אין לעמבערג, פיניע מינקאווסקי פון אדעסע, אפרים זלמן ראזומני, חזן זיידל ראוונער (געהייסן: יעקב שמואל מאראגאווסקי), און נאך פארשידענע חזנים פון יענע תקופה וואס האבן זייער שטארק אויסגעפלאסטערט דעם ראוד פאר דעם קומענדיגן דור פון חזנים, די פריער דערמאנטע חזנים זענען בעיקר געווען סטאנציאנירט אין רוסלאנד אוקריינא, וואס דאס איז מזרח איירופע. אויף דער אנדערער זייט, ד.ה.

אויף מעריב איירופע איז אויך געווען א ריזן פעלד פון חזנות, מער מאדערן סטייל מוזיק, פארפאסט דורך חזנים פונעם משכילישן אפשטאם, אבער במשך די צייטן האבן די חזנים פון מזרח איירופא היבש געגנאשט דעם מהלך פון די מערבישע דהיינו, זיי האבן טאקע נישט ארייגעברענגט קיין 'ארגען' אין שול, און אויך בדרך כלל נישט קיין געמישטע כאר, בכלל די 'מעין' נוסח איז געבליבן די אלטע אויסגעטרעטענע נוסח, מער באקאנט אלץ 'וואהלין-אוקריין', וואס דאס ווערט נאך היינט גענוצט אין זייער א סך הויפן.

אבער די עצם זאך פון א קווייער, און בכלל דאס מאכן פונעם דאווענען א גאנצע פערפארמענס, און אויך דאס אריינברענגען 'געוויסע' תנועות פון דערויסן, האבן די מזרח אייראפעישע חזנים יא אדאפטירט פון מעריב זייט, אזוי איז משמע אין די היסטאריע ביכער.

~אז מ'טראכט אריין, עט מען זעען, געגוי ווי ביי אונז האט זיך לעצטענס (נישט ממש לעצטענס) אנגעפאנגען א מיש-מאש, מ'זינגט ניגונים פון אלע קרייזן-ביי אלע קרייזן, אפי' ניגונים וואס פאר בערך צוואנציג דרייסיג יאר צוריק האט מען אויף די ניגונים געזאגט 'דא נאט ענטער', בערך אזוי איז געווען דאן מיט דער חזנות~.

געוויינטליך האבן די גרויסע שטעט ווי באררדיטשעוו, קיעוו, אדעסע, ווילנא אין אנדערע גרויסע שטעט זיך געקענט ערלויבן אן אייגענע חזן, ס'ז אבער געווען די קליינטשיקע שטעטעלעך וואס האבן נישט געקענט עפפארדן קיין אייגענעם חזן, איז דעריבער געווען אן אפטע ערשיינונג ווי חזנים זענען ארויסגעפארן 'פראווענען' שבתים אין די קליינטשיגע שטעטעלעך, מהנה צו זיין די דארטיגע אידן, פארשייטזיך אז מיט דעם חזן איז מיטגעקומען די גאנצע קווייער, אין שטעטל איז מען שוין אנגעקומען צוויי דריי טעג בעפאר שבת, מ'האט געמאכט די פראבעס (וואס דער גאנצע שטעטל האט אוודאי מיטגעהאלטן), ווער רעדט נאך וועגן סיגעקומען שבת אליין, איז דאס געווען א גאנצע סענזאציע וואס די גאנצע שטאט האט מיטגעהאלטן, א השגה אין עונג שבת.

[פארקירצט]

הומאר

# דער חסיד vs. דער פליגער

„עשרה קבין מענטשליכקייט אויפן פליגער ירדו לעולם“: א חסיד באשרייבט חסידים אויף א פליגער.

פון **Yentash**

די ערשטע חסידישע בלאגס • מסכת יענטאאש • „דער חסיד vs. דער פליגער“ • 19טן מערץ 2007
https://ershteblogs.sites.tab.bot/yentash/2007/03/1.html

רוף מיך 'סעלף העיטינג חסיד', אנטיסעמיט, ראסיסט, וואס דו ווילסט. אבער אודי לי מיהת אז געזעכט בין איך. עשרה קבין 'מענטשליכקייט' אויפן פליגער' ירדה לעולם, תשעה נטלה כל העולם כולו, און דאס איבעריגע איינס האט דער חסיד'שער איד געקריגן, און איר גלייך פארלוירן אין דער מקוה.

אזוי האב איך איינגעזען ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו שפענדעווען מערסטנס צייט פון א קנאפע עטליכע טעג אויפן פליגער, פליענדיג פון דאנעט ביז אהין און צוריקוועגס וחוזר חלילה, מיט א סטאפ אין ליזענסק ביים יומא דהילולא קדישא אינדערצווישן.

דער חסיד מיטן פליגער זענען שני דברים המכחישים זה את זה, צוויי קאנצעפטן וואס ווערן זיך קיינמאל נישט דורכקומען. א שטייגער ווי געפילטע קרויט אויף א ליידיגן מאגן, אדער ווארימע מאראנצן זאפט נאך א טעללער טשולענט.

דאס גאנצע אפיציעלע פריינטליכקייט מיטן קארעקטן סדר פונעם פליגער ווירשאפט, מישט זיך עפעס נישט גוט אויס מיטן חסיד'ישן פיש-זאפט כאראקטער. דאס געמאכטע העפליכקייט פון דער מאנשאפט קעגן די אפענע פרעכהייט פונעם חסיד, פאראורזאכט אן עקספלאדירנדע צעמישטער אטמאספערע שוין גלייך פון דעם אנהויב, און ווערט נאר ארגער און ארגער עס טייט גאוס אן, ווען די צוויי קעגנזייטיגע פראקציעס נעמען זיך פירן זייער אייגענער קעגנצילנדער ווירשאפט מיט מער אימפעט. די מאנשאפט טוט וואס עס שטייט אינעם בוך, און דער חסיד ווי דער געווין דיקטירט אים.

דאס דורכגיין די זיכערהייט פראצעדורן איז פארן חסיד א גהינום, ער ברויך זיין אין צייט - כאפן א פליגער איז נישט ווי נאכלויפן א מאנראו באס. ער ברויך פאלגן וואס מען הייסט - דער קאסטומס אגענט איז נישט דער משגיח אין ישיבה, און נישט דער שמש אין שול אדער דער שישקענער ביי קדיש. ער ברויך איינהאלטן רעגולאציעס - די פעדעראלע רעגירונגס פלי רעגולאציעס זענען נישט קיין תקנה פון קהל קעגן קידוש מאכן פארן לייענען אדער קעגן ברענגען שמות אין שול נאך ראש חודש ניסן.

דעריבער איז קיין וואונדער אז נאך אזא באהאנדלונג שפרינגט דער חסיד פון דער הויט ווי דאס יונגל נאך א טאג חדר, וועלכער לויפט ארויס צום באס מיטן קויט אין דער האנט, מיט דעם העמדל ארויס פון די הויזן, צעפלויגענע פיאות און שיפע גלעזער אויפן שפיץ נאז, מאכנדיג ליארעמנדע קולות פון פאלשע לעלו סירענעס מיטן מויל, און מאנאווערעס מיט דער האנט ווי ער דרייווט ווען א 'פייערלענדזשער' טראק.

די איינציגע זאך וואס האלט נאך א שטיקל קשר צווישן דעם חסיד מיטן פליגער, איז דער 'טוילעט'... אההה דער 'טוילעט' איז דאך דעם חסיד'ישן אידס ליבלינג. אוואו ער גייט און וואו ער קומט וועט ער זיך גלייך נאכפרעגן אויפן 'טוילעט', זיך ווענדן צום 'טוילעט', זיך אומקוקן אויפן 'טוילעט', באזוכן דעם 'טוילעט', לראות את שלום ה'טוילעט', און זיך דערקוויקן מיטן 'טוילעט'.

און טאקע ווי נאר דער חסיד שפאנט ארויף אויפן פליגער הארט נאכער וואס ער טוישט דעם זיץ פארשטייט זיך אנע ווארטן צו פרעגן דעם נאך-אויפשטייגנדער פאסאזשיר פאר ווענמען עס באלאנגט, וועט ער זיך גלייך ווענדן צום 'טוילעט'.... דארטן אין דעם 'טוילעט' שפירט ער זיך אינדערהיים, דארט איז ער באקוועם, דארט איז אים גוט.

אין איינע פון די רייזעס, גראדע א קורצע, האב איך זיך אויפגעכאפט ווען דער פליגער האט זיך שוין געהאלטן אינמיטן אראפלאזן. די סיט בעלטס לעקטערלעך האבן שוין געארבייט, און די מאנשאפט איז שוין ארומגעגאנגען זיכער מאכן אז אלע זענען פארבינדן צו די זיצן, מיט די גראדע רוקנס און ליידיגע הענט. ווען אינמיטן האט איינער אן 'איש חסיד היה' בכל פרטי' ודוקדוקי' זיך א הייב געטאן פונעם זיץ, און מיט אן אומפעט ארייגעלאפן אין 'בסקיסעס'. און נישט נאר אזוי ארייגכאפן פאר א רגע, נאר ער איז געגאנגען פאר א ישיבת בית דין מיט אלע מפרשים. עס האט גענומען פאר דער מאנשאפט עטליכע אנגעצויגענע מינוטן פון פארצווייפלטע רופן אז 'סויר ווי ארר לענדינג!' באגלייט מיט שטארקע קלאפן אויף דער טיר, ארויסצושלעפן דעם צעקניפטן

בארד פון זיין באקוועמען מקום מנוחה. ענדליך האט ער זיך ארויסגעריקט פון דארט סעקונדן בעפאר די רעדלען האבן געטאפט די ערד, מיטן פולסטן רואיגקייט, מיט א פארגלייזטן 'אשר יצר' אויף די פארטרוקענטע לעפצן לקדש שם שמים ברבים. דאס, קען נאר א חסיד באווייזן!

אכן מה נהדר היה המראה, אין איינע פון די רייזעס אויף א קליינעם פליגער ווי ס'רוב פונעם פליגער איז באשטאנען פון חסיד'ישע רייזנדע. ווען לענגאויס דאס גאנצע פליגער האט זיך געשלענגלט די רייע צום בית הכבוד, מיטן פולסטן חסיד'ישן שטייגער פונקט ווי אינדערהיים אין שול מיט אלע דעטאלן, פון די קרעכצן און שווערע אטעמען פון די עלטערע ווארטערס ביז די קלאפעס מיט דער האנט פלאך אויף דער טיר באגלייט מיטן יאוש'דיגן אויסגעצויגענעם 'נו'...

א פרשה פאר זיך איז דאס דאווענען אויפן פליגער. דער אונטערשטער טייל פונעם פליגער ווערט דאן פארוואנדלט אין א חסיד'ישער קלויז. דער קיטשען איז דער הויפט קרבן. די קאונטערס ווערן עמודים. די משקאות וואס די מאנשאפט האלטן אזוי ריין ווערט נטילת ידים וואסער. און דער טעצער אין וועלכן עס ליגט אויסגעשורה'ט די פערטיגע גלעזלעך מיט פארשידענע טרינקווארג ווערט דער סינק. די עטוואס מער איידלע חסידים וועלן קומען בעטן רשות זיך צו וואשן די הענט און פרעגן 'וואדער, וואדער, יו העוו עני וואדער?', און דאן נעמען אליין נאך בעפאר עס איז דא א שאנס צו געבן, איבערלאזנדיג די העפליכע מאנשאפט הכנעה'דיג פארבויגן מיטן פאלשן שמייכל אויף די לעפצן און דאס גלעזל וואסער אין דער האנט איר אנכאפנדיג מיט די שפיץ פינגער.

די מער פרעכע וועלן נישטאמאל פרעגן, נאר אזוי שעפשענדיג די קרבנות וועלן זיי אליין נעמען פירן א ווערשאפט. מיט די אויגן אויף אראפ זיך צו היטן פון ראיות אסורות וועלן זיי נעמען 'בעלבאטעווען' אויף דער קיך ווי ביי זיך אינדערהיים, נישט פארגעסנדיג איבערצולאזן הונטער זיך אפדרוקן ווי אימער ער האט נאר צוגערירט, אויסגיסנדיג דאס וואסער אויף דער ערד, און איר נאכפאלגן מיט דעם אפוויש פאפיר. אזוי ארום זיכער צו מאכן זיך צו פארשאפן שטרענג אויפגעברוזטע בליקן אויף אים בעת ער ווארפט זיך שוין דאס קערפער אויף אלע זייטן ביי דער שמונה עשרה וועלכן ער וועט נישט פארגעסן אויסצוציען לענגער ווי געוועליך כדי צו מקיים זיין די באליבטע מצוה פון טירחא דציבורא לויט אלע פוסקים.

א מזל האבן זיי די עירליינס אז ס'האט זיך זיי נאכנישט פארגלוסט אריינצושטעלן א באדע צימער מיט א וואנע אינעם פליגער. אז יא וואלט זי גאנץ לייכט פארוואנדלט געווארן אין א מקוה פארן חסיד'ישן איד, צו כאפן א טבילה פארן דאווענען, און נאך איבערלאזן מאראסטיגע טייכלעך אינעם באדע צימער, און נאסע שיך אפדריקן אינעם גאנצן פליגער.

דער ריינער אמת איז אז דער חסיד איז נישט אינגאנצן שולדיג, א טבע קען מען דאך נישט אזוי גרינג טוישן. וואס קען ער דען טאן אז דער חסיד'ישער איד ווערט געבוירן ווי עס קוקט אויס מיט בלאטערלעך אויפן חלק התחתון וואס לאזט אים נישט איינזיצן געהעריג. מוז ער זיך ארומדרייען און זוכן וואו צו גיין און קומען.

וואס נאך פארלאנגסטו פון אים, ער זאל נאך פרעגן מיט א געמאכטע העפליכקייט דעם הונטערשטן שכן רשות בעפארן אראפלייגן מיט אן אומפעט און שנעלקייט דעם זיץ זיך אראפצולייגן, פאראורזאכנדיג אז יענעמס גלעזל קאקא קאלא וועלכער ליגט אויפן טישל זאל זיך אויסגיסן אויפן געביגלטן אנצוג. אדער גאר ווילסטו אז ער זאל זיך שעמען אריינצוקוועטשן זיין רענצל אין יענעמס אויבערשטן קעסטל צעקנייטשנדיג מאנטלען און זעקלעך אנע רחמנות. צו פארלאנגסטו ער זאל זען א פראבלעם אין זיך אנכאפן מיט ביידע הענט אויף דעם פאדערשטן שכן'ס זיץ בעת ער סווינגט זיך אריין און ארויס צו זיין זיץ איטליכער מינוט, ציענדיג דעם קאפ-אנלענער פונעם פארפעסיאנעלער גוי וועלכער האלט אינמיטן לייענען א סייענס בוך. די אלע זאכן אויפן מאנראו באס טוט דאך נישט ער פאר זיין שכן, און נישט זיין שכן טוט דאס פאר אים, טא וואס איז דען א פליגער אנדערש.

מצד דעם חסיד זאל מען נישט זיין אזוי קארעקט, נישט אזוי העפליך, און נישט אזוי שמייכלדיג. אויב וואלט דער חסיד'ידשער איד געהאט זיין וועג, וואלט ער איינגעפירט א סיסטעם אז מען זאל סוויפן דעם מעדיקעיד קארטל ארויצוגיין אויפן פליגער, וועלכער זאל ארויספארן א שעה שפעטער ווי געשריבן. זיצן זאל מען זיך כאפן א שטייגער ווי א פלאץ אויף די פארענטשען שמחת תורה, ווער עס קאפעט מער מענטשן כאפט דעם ערשטן זיץ, און אז עס ליגט א שטויביגן ביבער היט אדער א צעקנייטשטע רעקל אויף א זיץ מיינט דאס אז עס איז פארנומען. דאס עסן זאל מען טיילן אזוויוי מען טיילט עסן ביי חסיד'ישע טישן, עמיצער אן עסקן זאל ארומגיין מיט טעצער פיש פלייש און פערוול העכער די קעפ, און דער עולם זאל כאפן מיט די הענט. עסצייג, גלעזלעך, און באטלעך וואסער, זאל מען ווארפן פון פארנט פונעם פליגער אין אלע ריכטונגען און טיכטיגע בחורים זאלן עס כאפן צו פארטיילן פארן עולם האלב און ס'איבעריגע באהאלטן אונטערן זיץ.

מנינים זאלן זיך שטעלן יעדע צען מינוט צווישן די זיצן, און עסקנים זאלן ארומגיין מיט פושקעס פאר פארשידענע צוועקן. פוירסט קלעס זאל אויך קריגן א ווארימע מקוה, פארשטייט זיך אז אלע פון עקאנאמי קלעס וועלן זיך אויך אריינשטיפן אהין.

דער פליגער נאך דער רייזע זאל אויסקוקן ווי דאס ביהמ"ד נאכן שושן פורים טיש, מיט טשיקן באדעמס, געפילטע פיש, און פערוול אויף דער ערד און אונטער די זיצן. אויך אויפן זיץ דארט אינעווייניג צווישן דעם זיץ מיטן אנלענער זאל מען קענען טרעפן אפאר פערוולעך. מען זאל טרעטן אויף דער פארקלעפטער ערד פון אויסגעגאסענע היימישע ווײַן און גינגער עיל, און פלעשלעך באהאלטענע ווארימע סעלצער זאל זיך געפונען אונטער די זיצן. דער גערוך זאל זיין א געמישעכץ פון דעם פארבליבענעם עסן און די חסיד'ישע רייזנדע. צו רייניגן וועט מען שוין ארויפשיקן אפאר לעגוואורדיע חולעראס...

האט א געשמאקע רייזע און נעמט אייך מיט השפעות טובות. ביטע אויספאלגן די פאראָרדענונגען פון די עסקנים. דער פליגער איז ספעציעל אויסגעשטעלט געווארן צו קענען אקאמאדירן די טויזנטער חסידים. מען בעט מען זאל זיך בשום אופן נישט אויפהייבן אויף די זיצן ווען דער רבי וועט וואונטשן לחיים. בחורים וועלן נישט ארויפגעלאזט ווערן אויפן פליגער, עס איז צוגעגרייט געווארן פאר זיי גענוג פלאץ אין די פעקלעך דעפארטמענט. ביטע שטרענג אפהיטן די גדרי הצניעות. עס איז שטרענג פארבאטן מיטצוברענגען סיי וועלכע פאטא אפאראטן אדער ווידיאו קאמערעס, די עסקנים וועלן דאס צונעמען אויף אייער אייגענע אחריות. זייט געווארנט: מענטשן און קינדער מיט די פיאות אויפן אויער וועט מען אנפעינטן די פנימ'ער. דער פיש איז נתנדב געווארן דורך פאלקאוויטש'עס פיש געשעפט לע"נ אביהם. בכבוד רב, הנהלת הקהילה.

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע מעשיות פון אויפן וועג, פון דריי פארשידענע אשכולות – און אין אלע דריי שפילט תפילת הדרך א ראלע.

## ווי אזוי טוישט א חסיד א לעין?

**שבת אחים:**

האט איר אמאל באמערקט וויאזוי חסידים טוישן א לעין?

זיי טשעינדזשען לעינס, און נאכדעם קוקן זיי אין שפיגל אויב זיי האבן געקענט...!

נאך אזאך אז איר דרייווט אויף די הייוועי אין ניו דזשערזי און איר זעט א SUV אדער א מיני וואן פארן ש ט י י ט אויף די לינקע לעין פאר מיילן לאנג און זיך בשום אופן נישט אריינרוקן אין די רעכטע לעין. קענט איר בעטן אסאך געלט אז דאס איז א חסיד מיט א היט וואס האלט אינמיטן זאגן תפילת הדרך מיט קאפיטל קי"ט און ויהי נועם זיבן מאל און שיר השירים אהין און צוריקצוועגס, און אין דער אנדערער האנט האלט ער אן עלים לתרופה, א כשרע פליפ-פאון מיט א היימישע ביזנעס דירעקטארי. און עלעף קינדער טאנצן אין די בעיק מיט קולות וברקים

קאווע שטיבל • „פעם אחת הייתי בדרך – אבזערוואציעס אויפ'ן ראוד" • 5טן דעצעמבער 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12005.html

## It’s too late

**קנאקעדיג:**

עס איז שוין געשען א סך מאל ביי מיר ווען עפעס אינמיטן שמועס נישט בכוונה קומט עס אויס אינטערעסאנט ווי וואס איך האב נישט דאס ווארט אויף דעם אבער געדענק אמאל ליינען אויף אזא זאך, ס'איז בליציג. היינט האב איך שוין נישט געוואלט נאכאמאל פארגעסן און כ'שרייב עס אראפ.

א מיטרייזענדער אין מיין קאר האט זיך דערמאנט און געזאגט תפילת הדרך ממש אפאר מינוט פאר מ'איז שוין אנגעקומען. זאג איך אים אז מ'טאר שוין נישט מיין איך זאגן תפילות הדרך. געזאגט האב איך עס אין ענגליש .its too late רופט ער זיך אן אוי שוין too late איך האב עס שוין געזאגט.

וואס איז דאס?

קאווע שטיבל • „איז דא אזא פענאמינען?“ • 6טן יולי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10694.html

## א לייסענס פון ארץ ישראל

**:outspoken**

די מעשה איז מן הסתם שקר, אבער איצט פארציילט מיר א איד א בן נ' וואס בדידי' הוה מעשה, אין דעם אנהויב מ' יארן איז ער אמאל געפארן אפסטעיט מיט זיין חבר(בחורים), א פאליס שטעלט זיי אפ און בעט פאר די לייסענס, נעמט זיין חבר ארויס א שיינעם תפילת הדרך און זאגט איי עמ פראם איזריעל, די פאליציי ווייזט אים מיט דער האנט אז ער האט נישט געסטאפט ביי די STOP SIGN און ער האט אים ווייטער געשיקט.

קאווע שטיבל • „ר' יענקעלע איז גארנישט?“ • 27סטן מאי 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6504.html

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 26סטן אקטאבער, אין פריערדיגע יארן? (די היסטאריע פון חזנות, אינעם קולטור־טייל, איז אויך געשריבן געווארן אויף דעם טאג, אין 2012.)

8

יאר צוריק

2018

## א מעשה מיט א קאץ

**שושן פורים** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 26סטן אקטאבער 2018

געוועזן אמאל א גרופע קעץ וועלכע האבן געוואוינט אין א דאמ"פ יאר"ד , פאר יארן האבן זיי געוואוינט דארט דורי דורות און זיך מפרנס געווען פון האלב פארפוילטע עפל און אפגעלעקטע עצמות וואס די מיסט טרעגער פלעגן אראפלענען ברוב רחמים וחסד יעדע שני וחמישי.

ויהי היום, א גרופע אור אייניקלעך פון די חתולים הראשונים האבן ארומגעוואנדערט אינעם ריזיגן דאמ"פ יאר"ד און פלוצלינג הערן זיי קולות פון געזאנג פון דערווייטנס.

זיי גייען נאך די מוזיק קלאנגען און זעען פונדערווייטנס א ליכטיגקייט, זיי לויפן אין יענעם ריכטונג און אנקומענדיג אהין זעען זיי נישט מער און נישט ווייניגער "א קאצן שטאט " עיר שכולו קעץ, דער עולם לעבט גליקליך און צופרידן, נארמאלע געשעפטן, מען ארבעט בייטאג, מען באקומט באצאלט, און מ'קויפט איין מכל טוב וטוב, דאס עסן איז פריש, די גאסן זענען ריין , ועל כולם עס שטינקט נישט פון מיסט. די קעץ טראכטן נישט קיין צוויי און האבן באלד קונה שביתה געווען דארט.

די שמועה איברען אנטדעקטע קאצן שטאט איז אנגעקומען צוריק צום מיסט הויפטקווארטיר, פילע זענען געווען שטארק סקעפטיש, אבער צוביסלעך האט זיך א שיינע ציבור ארויסגעלאזט צו דער שטאט, אנגעהויבן א ניי באקוועמע לעבן, און אלעס איז געגאנגען על מי מנוחות.

די זקנים זענען אבער פארבליבן אין דעם מיסט, על פי רוב פאר פוילקייט אדער געוואוינהייט, געוויסע האט נישט געפאסט צו אנערקענען אז עס איז פאראן א בעסער לעבן ווי ביי זיי. הצד השווה שבהן עס איז זיי נישט געפאלן אז מען זוכט נייע גליקן וואס זיי קענען נישט צושטעלן.

האט מען אהערגעשטעלט א קאמפיין און געשריגן אז די לוקסריעזע קאצן שטאט האט מען געבויט אן א פערמיט, דער מייסד העיר איז געווען אן אסופי ושתוקי בענאזאם, דער מנהל המוסדות איז אן אנדרוגינוס, און די שאפינג מאל איז געבויט אויף ווע"ט לענ"ד.........וכו' וגו'.

און חוץ פון פארשידענע היציגע טענה'רייען און וויכוחים יעדע שטיק צייט ווען די צוויי גרופעס האבן זיך געטראפן ביי משפחה שמחות, איז דאס לעבן ווייטער אנגעגאנגען אין ביידע מקומות

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12666.html

10
יאר צוריק
2016

# שיטת קופערניקוס על רגל אחת

**שמעלקא'לע** • קאווע שטיבל • היסטאריע • 26סטן אקטאבער 2016

אט הייבן מיר אן פונדאסניי מיט א פרישקייט פרשת בראשית, וויאזוי השי"ת האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג. אין דער בריאה ליגט באהאלטן גאר וואונדערליכע סודות און פליאות, די נאטור איז אזוי דראמאטיש און אטעם פארכאפנד אז וויפיל מ'וועט שרייבן וועלן מיר נאכאלץ אין ערגעץ נישט אנקומען. לאמיר אצינד באהאנדלען א נושא וואס האט אויפגערודערט א וועלט, דאס איז די "שיטת קופערניקוס" וואס האט געטוישט די מיינונג פון מענטשן איבער א וואונדערליכע אנטפלעקונג אין דער בריאה.

ווער דרייט זיך: די וועלט אדער דער זון?

דער אנגענומענער מיינונג

פון בריאת העולם און ווייטער האבן מענטשן אלץ געהאלטן אז די וועלט שטייט אינמיטן פון דער בריאה, און ארום איר דרייען זיך די זון, די שטערנ'ס און אלע פלאנעטן. מ'זעט אין תנ"ך אז אזוי איז געווען אנגענומען, אין תהלים זעט מען מערערע מאל אז דער זון איז דער וואס דרייט זיך (והוא כחתן יוצא מחופתו, מקצה השמים מוצאו, א.א.וו.) עס איז באקאנט דער פסוק אין קהלת וזרח השמש ובא השמש, בקיצור, די זון איז דער וואס מאכט הקפות ארום דער וועלט. פיר אין צוואנציג שעה א טאג פארט דער זון, זומער געניגט צו צפון זייט און ווינטער מער צו דרום.

קופערניקוס רודערט אויף דער וועלט

ארום 400 יאר צוריק איז אבער אנגעקומען א גויאישער אסטראנאם מיטן נאמען ניקאלאס קופערניקוס, און געמאלדן אז די וועלט האט א טעות! נישט דער זון דרייט זיך, נאר גאר די וועלט דרייט זיך ארום דעם זון!

עס איז תיכף געווארן אן איבערקערעניש, מענטשן האבן אים שארף פארדאמט און אראפגעריסן פארן זאגן אנדערש ווי אלע חכמים ונבונים ביז צו זיינערצייט, ער האט מיטגעמאכט צרות צרורות א דאנק זיין אויפדעקונג, וואס איז אנגענומען געווארן אויף דער גאס ווי כפירה ממש.און מ'האט אים געסטראשעט מיטן לעבן אויב וועט ער נישט זאפארט טוישן מיינונג...

אבער די מער געלאסענע און געלערנטע האבן אנגעהויבן גריבלען בעסער אין דעם נושא. ער זאגט דאך נישט סתם ווייל ער האט נישט געטראפן בעסער וואס צו טון מיט זיין צייט, עפעס באווייז האט ער דאך צו זיין טעאריע. ער האט געזאגט אז באמת'ן ארײן דרייט זיך דער וועלט אויף צוויי מהלכים. קודם דרייט ער זיך אויפן פלאץ אזויווי א דריידל, אויסער דעם דרייט זיך דער גאנצער וועלט ארום דער זון, און איין אזא הקפה נעמט 365 טעג, דאס מיינט א קיילעכיגער יאר.

ער האט א לאנגער הסבר לויט דעם וויאזוי עס ווערט זומער און ווינטער וויבאלד די וועלט דרייט זיך שיעף, און אזוי האט ער לאגישע הסברים - וואס וועט לכאורה זיין שווער פאר די חשוב'ע ליינער צו פארשטיין על רגל אחת – און אזוי האט ער ערקלערט אלע זיינע חשבונות פאר ווער ס'האט אים נאר געוואלט אויסהערן.

די מיינונג פון חכמי ישראל

היות עס איז געווען א נייע ווילד – פרעמדע זאך, האט די וועלט געשטורעמט קעגן אים. עטליכע חכמי ישראל זענען שארף ארויס קעגן אים, צווישן זיי רבי יונתן אייבשיץ (יערות דבש ח"א דרוש ד') און דער בארימטער חכם בעל מעשי טוביה (ח"ב סוף פרק ג'-ד') וועלכע האבן ארויסגענומען זייער פעדער און געשניטן שטיקער אין קופערניקוס.

נאכדעם זענען דא גדולים וואס האבן סתם אראפגעברענגט די שיטה פון קופערניקוס אן צו נעמען א שטעלונג, איינער פון זיי איז דער מהר"ל (נתיבות עולם, נתיב התורה י"ד) וואס ברענגט אראפ די שיטה פון קופערניקוס און נעמט נישט קיין שום מיינונג. אויך דער חתם סופר ברענגט די שיטת קופערניקוס (תורת משה ואתחנן ד"ה אשר חלק) און

כאטש וואס ער איז נישט מכריע, שרייבט ער אבער אז מ'קען פארשטיין ענדערש אז די זון דארף באדינען די וועלט און נישט פארקערט.

דער ספר הברית וואס איז ידוע אלץ א גאון עצום בחכמת הבריאה, שרייבט (ח"א מאמר ט' פרק ח') אז קופערניקוס איז טאקע נישט 100 פראצענט גערעכט, אבער מיט דעם אלעם מיינט נאכנישט אז ווער עס האלט ווי אים איז אן אפיקורס וכדומה, ווייל זיין שיטה איז נישט אויסגעהאלטן טאקע על פי טבע, אבער מצד די תורה איז דאס אויסגעהאלטן.

אבער אין ספר יד הקטנה (אויף וואס דער הייליגער חפץ חיים האט געבויט זיין ספר) נעמט ער זיך יא שטארק אן אויף קופערניקוס'נס זייט, און ער רימט אויס די חכמה און קלוגשאפט פון קופערניקוס וואס האט אזוי שיין אויסגעגלעט זיין שיטה מיט ערליכע ראיות וכדומה.

וואס האבן חז"ל געמיינט?

די וואס זענען נאך געווען דערקעגן איז נאר געווען בשעתו ווען די וועלט האט געשטורעמט קעגן אים, און מענטשן האבן נישט פארשטאנען פונקטליך זיין מהלך, וואס איז קרום פארטייטשט געווארן. אבער מיט דער צייט האט מען אנגעהויבן צו זען אז ער האט גאנץ גערעכטע טענות, און אלע לעכער פון זיין שיטה האבן באקומען לאטעס. בפרט היינט מיט דער טעכנאלאגיע זעט מען קלאר אז ער איז גערעכט, די וועלט דרייט זיך טאקע ארום דעם זון.

לויט דעם דארף מען דאך נעמען אין באטראכט אז אין די פסוקים וואס מיר האבן פריער געברענגט איז משמע אז די זון דרייט זיך און נישט דאס וועלט. אין תירוץ איז אז "דברה תורה כלשון בני אדם", עס איז אזויווי מענטשן האבן גערעדט בימים ההם, אז די זון נעמט ארום ס'וועלט.
און מיט דער צייט האט מען גאר באמערקט אז דער זוהר הקדוש שרייבט שוין קלאר אז די וועלט רינגלט ארום דעם זון, אין פרשת ויקרא שרייבט דער זוהר הק': "די גאנצע וועלט דרייט זיך ארום ווי א באל, עס זענען דא מענטשן אויפן אונטערשטן חלק וועלט און אויף דעם אויבערשטן חלק. און דערפאר האט השי"ת באשאפן די וועלט רינדעכיג כדי ס'זאל זיין פאר איין חלק וועלט ליכטיג און ביים צווייטן זייט טונקל." זעען מיר קלאר פון דא אז די וועלט דרייט זיך און נישט די זון.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11041.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס וועגן „חסידים פאר בייקס“ האט איינער געפרעגט וואס די ארגאניזאציע וויל בכלל אויפטון. „געפילטע פיש“ האט געענטפערט:

”

מוזט קוקן אויף די האלב ליידיגע גלעזל? קוק אויך די דריי פערטל פולע גלאז, דריי חברה זענען יא אויף די בייק לעין, נאר איינער איז אויפן סיידוואק.

לגבי דעם וואס דו פרעגסט, דו מאכסט עס ווי א גאנצע פראפעסיאנאלע ארגאניזאציע, ס'נישט מער ווי איינס צוויי אינגערלייט וואס ווילן ברעכן די 'טאבו' וואס ס'איז דא אויף פארן מיט בייקס, און לאמיר זיך נישט נארן, לעת עתה איינער וואס פארט א בייק אין ווילאמסבורג איז אדער קיהל, אדער אזא לא יוצלח, וועסט נישט זען קיין נארמאלע באזעצענע אינגערמאן זיך זעצן אויף א בייק פארן בתוככי העיר, פארוואס? ווייל קיינער טוט עס נישט? ווי אזוי ברעכט מען דאס? אויב דער עולם הייבט עס אן טון? ווי אזוי קען דאס א יחיד טון? איז דא א זאך היינט וואס הייסט אינטערנעט, און מיט דעם קען מען ברענגען דעם עולם זאל אנהויבן טרייבן פון די צוויי רעדלדיגע ביציקלעך, מי בקאווע שטיבל, מי בטוויטר, מי בפייסבוק, און אויך, מי בוועבסייט.
אלזא אויב האסטו עצות פאר עם וואס צו טון און ווי אזוי, איך בין זיכער אז ער וועט זיין צופרידן צו הערן דיינע עצות און 'קאנסטראקטיוו' קריטיק, אבער שריי עם נישט אן, ער האט דיר גאנישט קיין בייז געטון.

**געפילטע פיש** • קאווע שטיבל • 2טן יוני 2013

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3903-2.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **פעליעטאן** | „ביזנעס אויפן באס“ · **זאלצוואסער**<br>זאלצוואסער · בלאג · אשכול „ביזנעס אויפן באס“ · 23סטן אקטאבער 2012<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/3.html |
| **וויסנשאפט** | „די הילבערט האטעל“ · **פארוואס?**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „די הילבערט האטעל“ · 17טן מערץ 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8450.html |
| **איבערלעבונגען** | „יעלאוסטאון און גרענד טיטאן“ · **ערנסטגערעדט**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „מיינע ראודטריפ נסיעות – יעלאוסטאון און גרענד טיטאן“ · 17טן יולי 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16425.html |
| **היסטאריע** | „דער אמאליגער אידישער איסט סייד“ · **קאך_לעפל**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „דער אמאליגער אידישער איסט סייד“ · 26סטן יולי 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13247.html |
| **א שמועס פון דער וואך** | „חסידים פאר בייקס“ · **נולד מאוחר, שלשלת, בדחן און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · אשכול „חסידים פאר בייקס“ · 28סטן מאי – 6טן יוני 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3903.html |
| **קולטור • מוזיק** | „די היסטאריע פון חזנות“ · **קווארטין**<br>קאווע שטיבל · מוזיק! · אשכול „היסטאריע פון חזנות“ · 26סטן אקטאבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2208.html |
| **הומאר** | „דער חסיד vs. דער פליגער“ · **Yentash**<br>די ערשטע חסידישע בלאגס · מסכת יענטאאש · אשכול „דער חסיד vs. דער פליגער“ · 19טן מערץ 2007<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/yentash/2007/03/1.html |
| **היינט מיט 8 יאר צוריק** | „א מעשה מיט א קאץ“ · **שושן פורים** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 26סטן אקטאבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12666.html |
| **היינט מיט 10 יאר צוריק** | „שיטת קופערניקוס על רגל אחת“ · **שמעלקא'לע** · קאווע שטיבל · היסטאריע · 26סטן אקטאבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11041.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווי אזוי טוישט א חסיד א לעין?“ · **שבת אחים** · קאווע שטיבל · „פעם אחת הייתי בדרך – אבזערוואציעס אויפ'ן ראוד“ · 5טן דעצעמבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12005.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „It’s too late“ · **קנאקעדיג** · קאווע שטיבל · „איז דא אזא פענאמינען?“ · 6טן יולי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10694.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א לייסענס פון ארץ ישראל“ · **outspoken** · קאווע שטיבל · „ר' יענקעלע איז גארנישט?“ · 27סטן מאי 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6504.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **געפילטע פיש** · קאווע שטיבל · 2טן יוני 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3903-2.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** דאנערשטאג, דעם 29סטן אקטאבער – נומער 3, אויף פרשת וירא. מאנטאג, דעם 2טן נאוועמבער – נומער 4, דער צווייטער וועלטליכער נומער.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.